בס"ד

# יארצייטן פון צדיקים

# שבת פרשת מקץ תשפ"ו

**פון כ"ד כסלו - ביז ל' כסלו**

**לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח רבי משה אפרים**
**ב"ר ארי' ע"ה - כ"ד טבת תשע"א**
**ולעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת**
**הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה - ו' אדר תשפ"ה**

צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג,
ביטע שיקט א מעסעדזש מיט אייער אימעיל צו דעם נומער (646) 907-9119

## זונטאג - כ"ד כסלו

הרה"ק רבי משה ב"ר מנחם מענדל זי"ע, (פאנעט), אדמו"ר מדעעש.
"הנקרא ר' משה'לע דעעש'ער"

## מאנטאג - כ"ה כסלו

הרה"ק רבי יעקב ישראל ב"ר צבי הירש הלוי זי"ע, (שטערן), בעל שבט ישראל, המגיד מקרעמניץ.
הרה"ק רבי משולם זוסיא ב"ר נפתלי מליזענסק זי"ע, (ווייסבלום), מנדבורנא.
"הנקרא ר' זושא'לע מנדבורנא"

## דינסטאג - כ"ו כסלו

הרה"ק רבי אלעזר ב"ר משה אליקים בריעה זי"ע, (האפשטיין), בעל לקוטי מהר"א, מקאזניץ.

## מיטוואך - כ"ז כסלו

הרה"ק רבי חיים ב"ר שלמה זי"ע, (טירער), בעל באר מים חיים, מטשערנאוויץ.

## דאנערשטאג - כ"ח כסלו

הגה"ק רבי עוזיאל ב"ר צבי זי"ע, (מייזליש), בעל תפארת עוזיאל, אב"ד ניישטאדט.

## פרייטאג - כ"ט כסלו

הגה"ק המקובל רבי חזקיה ב"ר דוד זי"ע, (די סילווה), בעל פרי חדש.
הרה"ק רבי גדליהו ב"ר יצחק זי"ע, (רבינוביץ), בעל תשואות חן, אב"ד ליניץ.
הרה"ק רבי ישראל ב"ר מרדכי שרגא פייבוש זי"ע, (פריעדמאן), אדמו"ר מהוסיאטין.

## שבת קודש - ל' כסלו

הרה"ק רבי יהודה יצחק ליבוש ב"ר חיים מרדכי זי"ע, (תאומים פרענקל), בעל מעט מים, אב"ד סאניק.
הרה"ק רבי ברוך ב"ר מאיר זי"ע, (רובין), בעל שארית ברוך, מבריזדוביץ.
"הנקרא ר' ברוכ'ל מקאלאמייער"

לזכות להצלחה
חיים אליעזר בן שפרה יענטא וכל משפחתו.
שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.
צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.
מאיר ברוך בן שרה בריינדל ליבא וכל משפחתו.
לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח ר' משה אפרים ב"ר ארי' ע"ה. - כ"ד טבת תשע"א.
לעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה. - ו' אדר תשפ"ה.

**יארצייט זונטאג כ"ד כסלו**

**הרה"ק רבי משה ב"ר מנחם מענדל זי"ע, (פאנעט),**
**אדמו"ר מדעעש,**
**"הנקרא ר' משה'לע דעעש'ער"**

ער איז געבוירן אין שטאט אורישור, בשנת תר"ג.

צו זיין טאטע הרה"ק רבי מנחם מענדל פאנעט בעל מעגלי צדק מדעעש זי"ע,
בן הרה"ק רבי יחזקאל פאנעט בעל מראה יחזקאל מדעעש זי"ע,
בן הרה"ק רבי יוסף מקארלסבורג זי"ע.

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת רייזיל ע"ה,
בת הגביר רבי לייבוש קרויס מאוהעל ז"ל.

ער איז געווען א גאון מובהק בתורה און א צדיק וקדוש מפורסם, בוצינא דנהורא קדישא, פאר הדור והדרו, ער איז געווען מפורסם אלס א עניו מאוד ושפל ברך, זיין צדקות און פרישות איז געווען ממש להפליא, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל רוח הקודש וואס האט מגלה געווען באהאלטענע זאכן, צדיקים בדורו האבן מעיד געווען אויפן צדיק רבי משה זי"ע בזה"ל, "דער רבי ר' משה'לע איז דאך געווען א אפענער בעל רוח הקודש", און מעיד געווען אז די שכינה האט גערעט און זיין ביהמ"ד.

רוב גדולים און צדיקים בדורו האבן דעם צדיק וקדוש גאר שטארק מעריך געווען און געהאלטן אז ער איז דער צדיק הדור, ער איז געווען גאר שטארק מקושר צו הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע וואס האט דעם צדיק גאר שטארק מקרב געווען און מכבד געווען, נאכן פטירה פונעם הייליגען דברי חיים זי"ע, האט ער זיך מדבק געווען אינעם זוהן דער הייליגער דברי יחזקאל משינאווא זי"ע, און דער הייליגער שינאווא רב זי"ע האט דעם צדיק אויך גאר שטארק מעריך געווען און אסאך גערעדט פון זיין גדלות בתורה און זיין קדושה, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

בשנת תרכ"א ווען ער איז געווען נאר 18 יאר אלט, האט אים שוין זיין טאטע דער הייליגער מעגלי צדק זי"ע גענומען ער זאל אים העלפן מיטן פירען זיין גרויסע ישיבה אין שטאט אורישור וואס איז געווען אין שכינות פון שטאט דעעש, ער האט דאן שוין מרביץ תורה געווען פאר די תלמידים מיט א געוואלדיגע איבער געגעבנקייט, ער איז שוין דאן געווען מפורסם מיט זיין גדלות בתורה און זיין אויסער געווענליכע קדושה.

בשנת תרכ"ב האט מען אויף גענומען דעם טאטן אלס רב אין שטאט דעעש, האט דער זון איבער גענומען צו פירן דעם ישיבה אין שטאט אורישור, אבער נאך בערך א יאר האט מען אים אויף גענומען אלס רב אין שטאט נימיזע, דארט האט דער צדיק געדינט אלס רב פאר איבער 20 יאר, אויך דארט האט ער מרביץ תורה געווען פאר תלמידים גאונים בתורה מיט א געוואלדיגע געטריישאפט, אידן זענען שוין דאן געקומען זיך מזכיר זיין ביי דעם צדיק און געזען גרויסע ישועות.

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת מלכה ע"ה
בת הגה"ק רבי יצחק יחיאל מיכל שטיינמעטץ זי"ע,
נכד הגה"ק רבי יהודה הכהן כהנא בעל קונטרס הספיקות אב"ד סיגוט זי"ע,

וואס איז געווען א אייניקל פון הגה"ק רבי יום טוב ליפמאן העללער בעל תוספות יו"ט מקראקא זי"ע.

בשנת תרל"ח ווען זיין רעבעצין איזליידער נפטר געווארן, האט דער צדיק חתונה געהאט בזיווג שני מיט הרבנית הצדקת מרת חי' שרה ע"ה,
בת הגה"ק רבי נחום בנימין קאלוש זי"ע.

ווערט דערציילט, אז דער זיווג שני האט דער צדיק גענומען, צוליב וואס די רעבעצין איז זיך געקומען מזכיר זיין אויף איר שווער לעבן וואס זי איז ליידער דורך, און דער צדיק האט רחמנות געהאט אויף די פרוי, און דערפאר האט ער מסכים געווען צו חתונה האבן מיט איר כדי איר צו טרייסטן, פון דעם צווייטען זיווג האט דער צדיק אויך זוכה געווען צו קינדער צדיקים און גאונים בתורה.

י"ג תשרי בשנת תרמ"ה, ווען זיין הייליגע טאטע דער מעגלי צדק זי"ע איז נסתלק געווארן, האט דער זוהן דער צדיק רבי משה זי"ע איבער גענומען דאס רבנות אין שטאט דעעש, און ער האט געפירט די גרויסע ישיבה וואס זיין טאטע האט מייסד געווען און אויך די כולל אהבת ציון רמבעה"נ.

דאן איז דער צדיק מפורסם געווארן מיט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און זיין גרויסע קדושה און אלס א פועל ישועות און בעל מופת עצום, פון אלע מדינות ארום דעעש זענען הונדערטער אידן געקומען צום רבין פאר עצות און פאר א ברכה, הונדערטער אידן זענען געהאלפן געווארן מיט ישועות און רפואות חוץ לדרך הטבע, שבת קודש און ימים טובים זענען הונדערטער אידן געקומען מיט האלטען זיין עבודות הקודש וואס איז געווען למעלה מהשגותינו, ער איז געווען באוויסט אלס א חלוש, אבער דאס האט אים נישט אפ געהאלטן פון טון זיין עבודת הקודש, און צדיקים האבן מעיד געווען, אז זיין עבודה איז געווען למעלה מן השכל.

אויך איז דער צדיק געווען מפורסם אלס א קדוש וואס האט בכלל נישט געלעבט אין עולם הגשמי, ער איז געווען ממש אויס געטון פון די וועלט און נאר עוסק געווען בעבודת השם און מיט תורה, הונדערטער אידן זענען יעדן שבת ויו"ט געקומען מיט האלטן זיין עבודת הקודש וואס איז געווען למעלה מבינת אנוש.

הרה"ק רבי אברהם יהושע פריינד מנאסוד זי"ע האט געזאגט אז די רבי איז געווען א אפענע בעל רוח הקודש.

הרה"ק רבי יחזקאל הלברשטאם בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע האט געזאגט, אז די רבי האט נישט געהאט קיין שייכות מיט עוה"ז בכלל, און איז געווען דער צדיק הדור.

דער צדיק רבי משה'לע מדעעש זי"ע האט אמאל געזאגט פאר איינע פון די חסידים, "א רבי וואס ווייסט נישט די בקשה פון די חסיד ווען דער איד טרעט איבער זיין שוועל פון טיר, נאך פאר ער פארט ארויס צו אים, איז נישט קיין רבי!".

פון דעם צדיק איז נישט געדריקט געווארן קיין ספרים פון זיינע דברי תורה, עס איז דא אסאך דברי תורה פון דעם צדיק וואס דער זון דער הייליגער כנסת יחזקאל האט געדריקט אין זיין ספר, אויך איז דא א ספר עבודת כהונה וואס דער צדיק רבי משה'לע מדעעש זי"ע האט געדריקט פון כתב יד פון זיין הייליגען טאטן דער מעגלי צדק זי"ע, וואס די ספר האט א גאר שיינעם הסכמה פון דעם הייליגען דברי יחזקאל משינאווא זי"ע.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

מזיווג ראשון הרבנית הצדקת מרת מלכה ע"ה, האט ער געהאט די קינדער.

הרה"ק רבי יצחק יחיאל זי"ע, חתן הרה"ק רבי משה אליקים בריעה מביקאוואסק זי"ע,
בתו הצדקת מרת חיה רחל ע"ה,
בתו הצדקת מרת חוה ע"ה, אשת הגה"ק רבי יהודה פריעדלאנדער אב"ד בארגוי זי"ע,
הרה"ק רבי יחזקאל בעל כנסת יחזקאל מדעעש זי"ע, ממלא מקום אביו, חתן הרה"ק רבי שמואל יהודה פאללאק מאויבער-ווישעווע זי"ע,
בתו הצדקת טילא רבקה ע"ה.

פון די זיווג שני הרבנית הצדקת מרת חיה שרה ע"ה, האט ער געהאט די קינדער.

בתו הצדקת מרת צפורה ע"ה, אשת הרה"ק רבי נפתלי צבי הורוויץ מקאראס זי"ע,
בתו הצדקת מרת פייגא מאטל ע"ה, אשת הרה"צ רבי ברוך אברהם בינדיגער מדעעש זי"ע,
בתו הצדקת נחמה רייזל ע"ה, אשת רבי שלמה יודאוויץ זי"ע,
הרה"ק רבי חיים מנחם מענדל זי"ע, חתן הרה"ק רבי יעקב שמשון קנר מטשחויב זי"ע,
הרה"ק רבי בנימין זי"ע,
בתו הצדקת מרת פריידא ע"ה, אשת הרה"ק רבי אלעזר ניסן מארגאשעס אב"ד דארנא זי"ע,
בתו הצדקת מרת בלומא ע"ה, אשת הגה"ק רבי ישראל חיים פראנקפורטער זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים כ"ד כסלו בשנת תרס"ג, ומנוחתו כבוד איז אינעם אהל פון זיין טאטן דער הייליגער מעגלי צדק זי"ע אין שטאט דעעש.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

**איין נאכט האט דער הייליגער דברי יחזקאל משינאווא זי"ע** געהאט א חלום מיטן טאטן, און די טאטע דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט אים געזאגט, "בעוד ימים עתיד צדיק הדור להסתלק מן העולם", און ווען דער הייליגער דברי יחזקאל האט זיך דערוועקט, האט ער געשיקט א טעלעגראם קיין דעעש צו פרעגן וואס רבי משה דעעש'ער מאכט, ווייל ער האט פארשטאנען אז דאס מיינט זיכער רבי משה'לע דעעש'ער וואס איז דער צדיק הדור.

אבער ווען רבי משה'לע דעעשער זי"ע האט צוריק געענטפערט אז ער איז ב"ה גוט, האט די רבי ר' משה'לע זיך גלייך אויף געהויבן און געפארן קיין שינאווא, ווייל דער צדיק רבי משה'לע האט פארשטאנען אז דאס מיינט זיכער דעם שינאווא רב, אבער ווען ער איז אנגעקומען ו' טבת בשנת תרנ"ט קיין שינאווא, איז שוין געווען נאכן הסתלקות פון דעם הייליגען דברי יחזקאל זי"ע וואס דאן האט מען געזעהן וואס די דברי חיים זי"ע האט געמיינט מיטן צדיק הדור.

**דער הייליגער כנסת יחזקאל איז געבוירן** בשנת תר"ל 6 יאר בעפאר דעם פטירה פונעם הייליגען דברי חיים זי"ע, ער האט געהאט א ברודער הגאון רבי יצחק מיכל וואס איז געבוירן בשנת תרכ"ג, ווען עס איז געקומען זיין בר מצוה בשנת תרל"ו אפאר חדשים בעפאר דעם פטירה פונעם דברי חיים זי"ע, איז דער טאטע רבי משה'לע דעעשער זי"ע געפאר לייגן תפילין פארן בר מצוה בחור ביים דברי חיים קיין צאנז.

דער כנסת יחזקאל איז נאך דאן געווען א 6 יעריגע קינד, און ער האט זייער פארפירט אז ער וויל אויך מיט פארן קיין צאנז צום הייליגען דברי חיים, אבער די טאטע האט אים נישט געלאזט, וויבאלד ער איז נאך דאן געווען א קליין קינד, און די טאטע האט אים צו געזאגט אז ער וועט נאך קענען פארן א אנדער'ס מאל אי"ה, אבער מען האט געזען אז דאס קינד לאזט נישט נאך, האט מען דעם קינד דעם כנסת יחזקאל ארויף געלייגט אויפן וואגן, אבער מען האט אים צו געטראגן אויף א אנדערן פלאץ און נישט קיין צאנז.

אבער אפאר חדשים שפעטער ווען דער הייליגער דברי חיים זי"ע איז נסתלק געווארן, האט דער טאטע רבי משה'לע דעעשער געהאט גרויס חלישות הדעת, אז ער האט זיין קינד יחזקאל נישט מיט געגנומען זען דעם הייליגען דברי חיים, דער טאטע האט זיך נישט געקענט בארואיגען פון צער, אבער פלוצלונג האט ער איין געדרימלט און ער זעט דעם דברי חיים זי"ע, און דער דברי חיים זאגט אים, "זיי דיך נישט מצער אז דיין קינד יחזקאל איז נישט אנגעקומען צו מיר, ווייל איך וועל נאך לערנען מיט אים אין גן עדן".

**ווי באקאנט איז דער צדיק רבי משה'לע מדעעש זי"ע** געווען גאר שטארק מקושר צום הייליגען שינאווא רב זי"ע, ער פלעגט אסאך פארן זיך מסתופף זיין בצלו קיין שינאווא, און דאן פלעגן אידן כסדר שיקן קוויטלעך מיטן רבין קיין שינאווא אז ער זאל זיי מזכיר זיין ביים צדיק אין שינאווא.

איינמאל ווען ער האט זיך געגרייט צו פארן צו זיין רבין קיין שינאווא, איז א איד געקומען און געגעבן א קוויטל און געבעטן, אז ער זאל אים מזכיר זיין ביים שינאווא רב, היות ער האט אסאך צרות פון זיין שכן א גוי, האט אים דער צדיק רבי משה'לע געזאגט מיט זיין עניוות, עס איז א שאד צו מיטשענען דעם רבין פון שינאווא מיט אזא קלייניקייט.

ווייל עס שטייט דאך אין פסוק (שמות ב' י"ב) וַיַּךְ אֶת הַמִּצְרִי וַיִּטְמְנֵהוּ בַּחוֹל, האט דער צדיק געזאגט, וַיַּךְ אֶת הַמִּצְרִי וַיִּטְמְנֵהוּ "צו באגראבן א גוי", בַּחוֹל, "קען מען זיך אויך באניצן מיט א וואכעדיגער רבי", און מען ברויך נישט אזא גרויסע רבי פאר דעם, כך הוה דער איד איז געהאלפן געווארן.

**הרה"ח רבי אהרן לייב הארטמאן ע"ה האט דערציילט**, אז אין שטאט ביסטריץ האט געוואוינט א איד א חשוכי בנים ל"ע און ליידער איז ער קראנק געווארן און געווען אין גאר א שווערע מצב, און היות ער האט געהאט איין ברודער וואס האט געוואוינט אין גאר א ווייטע שטאט, האט די משפחה פון זיין פרוי געוואלט אז מען זאל ערלעדיגן א גט פאר די ווייב, כדי אויב די מאן שטארבט ח"ו זאל זי נישט בלייבן א שומרת ייבום.

איז מען געקומען בעטן דעם צדיק הרה"ק רבי משה'לע מדעעש זי"ע, אז ער זאל אריבער קומען צום חולה קיין ביסטריץ, און מסדר זיין דעם גט נאך בעפאר דער איד שטארבט, אבער דער צדיק האט

געזאגט, אז ער וועט קומען דעם קומענדיגן זונטאג וואס איז ראש חודש קיין ביסטריץ, די משפחה האט פראבירט זיך צו בעטן ביים רבין אז ער זאל שוין יעצט קומען, ווייל שפעטער קען שוין זיין צו שפעט, אבער דער צדיק האט זיך געהאלטן ביי זיינס.

עס איז געקומען זונטאג, און די משפחה איז שוין געשטאנען ארום דעם בעט פונעם חולה און מען האט געווארט אויף יציאת נשמה, אבער דאן איז דער צדיק אנגעקומען, און ער איז צו געגאנגען צום חולה און געהייסן אז ער זאל זיך אויף זעצן אויפן בעט, דער חולה האט צו געהערט און זיך אויף געזעצט אויפן בעט, דאן האט דער צדיק געהייסן אז ער זאל אראפ גיין פון בעט און זיך שטעלן דאווענען, לפלא האט זיך דער חולה אויף געשטעלט און זיך געשטעלט דאווענען מיט א מנין דארט אין שטוב.

נאכן דאווענען האט דער רבי געהייסן פאר דעם איד, אז ער זאל שרייבן א גט פאר זיין ווייב, די משפחה האט זיך גאר שטארק געוואונדערט פארוואס די רבי הייסט פאר דעם איד אז ער זאל געבן א גט פארן ווייב ווען ער איז דאך צוריק געזונט.

האט דער צדיק געזאגט, וויסן זאלט עטץ, אז עס איז ליידער דא א גרויסע קטרוג רח"ל אויף דעם איד, און דערפאר האב איך אים געהייסן געבן א גט פאר זיין ווייב, וואס דורך דעם וועט דער קטרוג אראפ גיין, און דאן האט ער געזאגט, אז מען זאל ווארטן דריי חדשים, און דאן קענען זיי צוריק חתונה האבן, דער איד האט געפאלגט דעם רבין און געלעבט יארן שפעטער געזונט און פריש, עס איז נאך געווען א בריוו וואס דער פרוי האט געשריבן פארן רבין לגבי איר מאן, וואס זי האט פון אים באקומען א גט, און זי האפט צו זיין מיט אים חתונה געהאט בקרוב.

**הרה"ח רבי שמואל פארקאש ז"ל** איז געווען א הויז בחור ביים הייליגען צדיק וקדוש רבי משה'לע דעעשער זי"ע, ער האט דערציילט א מעשה וואס ברענגט ארויס דעם רוח הקודש פון זיין הייליגען רבין ר' משה'לע זי"ע, סוף ימיו פונעם רבין האט ער געלערנט סמיכה מיט הגה"ק רבי שמואל לוריא זי"ע.

דערציילט החסיד רבי שמואל פארקאש ז"ל, אז איין טאג הערט ער ווי רבי משה'לע זי"ע זאגט פאר רבי שמואל לוריא בזה"ל, "איך געב דיר געלט, און פאר צום הייליגען שינאווער רב, אפשר ווערסטו מיינען אז איך וויל פטור ווערן פון דיר, ניין, נאר גלייך ווען דו פארסט בענק איך זיך שוין נאך דיר, נאר דו מוזט נאך זעהן דעם הייליגען שינאווער רב", דער רבי שמואל לוריא איז טאקע גלייך ארויס געפארן, און נאר דורך דעם זוכה געווען צו זען דעם הייליגען שינאווער רב זי"ע בעפאר זיין הסתלקות, און דאס אלעס האט דער הייליגער צדיק רבי משה'לע געזען מיט זיין הייליגע אויגן.

**דער זוהן דער הייליגער כנסת יחזקאל מדעעש זי"ע האט דערציילט**, אז דער גוי וואס פלעגט זיך אפ געבן אין דעעש ווען עס האט ח"ו אויס געבראכן א פייער אין שטאט, איז שפעטער געווארן דער פירער אויך פונעם שטאט קלויזענבורג.

איין טאג האט אויס געבראכן א גרויסע שריפה אין שטאט קלויזענבורג, און מען האט דאס נישט געקענט פארלעשן, דער גוי איז דאן אריבער צום רב פון שטאט קלויזענבורג און געבעטן אז ער זאל פארלעשן דעם פייער, האט דער רב מיט א וואונדער געזאגט פארן גוי, אז ער קען דאס נישט באווייזן, האט דער גוי געזאגט, דאן זענט איר נישט קיין אמתע רב.

און דאן האט דער גוי דערציילט, אז ווען ער פלעגט נאך זיין אין שטאט דעעש, איז דארט געווען אמאל א פייער וואס מען האט נישט געקענט אויסלעשן, איז מען געלאפן צום רב וואס איז דאן געווען הרה"ק רבי משה'לע מדעעש זי"ע, דער רב איז ארויס געקומען און מיט די הענט האט ער געמאכט א תנועה, און לפלא האט זיך דער פייער אויס געלאשן, פון דארט האט דער גוי פארשטאנען אז א עכטע רבי קען אויסלעשן א פייער.

**הרה"ג רבי מרדכי בצלאל קליין דומ"ץ סאטמאר זי"ע האט דערציילט**, אז זיין זיידע הגה"צ רבי שלמה זלמן קליין זי"ע האט געוואוינט אין שטאט סיליטשי, איינמאל איז דארט געווען דער הייליגער צדיק וקדוש רבי משה'לע מדעעש זי"ע און ער איז איינגעשטאנען ביים זיידן רבי שלמה זלמן זי"ע.

האט זיך דער זיידע מזכיר געווען ביים צדיק, אז ער האט א שכן א גוי וואס טיילט אים אויס גאר אסאך צרות, איינע פון די זאכן וואס דער גוי האט געטון איז געווען, ער האט כסדר געריקט דעם גדר וואס איז געווען צווישן זיין הויז און דעם זיידנס הויז, דער גדר האט שוין געהאלטן ממש ביים פענסטער פונעם זיידן, און דער זיידע האט געבעטן אז דער צדיק זאל אים געבן א ברכה אז ער זאל פטור ווערן פון דעם רשע.

ערב שבת קודש איז דער צדיק רבי משה'לע געגאנגען אין מקו' זיך טובל'ן לכבוד שבת, און דער זיידע האט אים באגלייט, פונקט איז דארט אינדרויסן געשטאנען דער גוי, האט דער זיידע געוויזן פארן רבין, אז דאס איז דער גוי דער רשע, דער צדיק האט אויף געהויבן זיינע הייליגע אויגן און א בליק געטאן צום גוי, און דאן האט דער צדיק געזאגט בזה"ל, "ער, די פגירה ליגט דאך אים אויפן פנים".

ווען דער צדיק איז אהיים געקומען פון די מקו' האט מען שוין געהערט די בשורה, אז דער גוי איז צוריק אריין צו זיך אין שטוב, אבער אויפן וועג איז אים שלעכט געווארן און ער האט אויפן פלאץ גע'פגר'ט, און דער הייליגער צדיק רב משה'לע האט דאס מסביר געווען מיט א פשטות, מען זאגט אין די ברכה פון בורא נפשות, 'בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת רַבּוֹת וְחֶסְרוֹנָן עַל כָּל מַה שֶּׁבָּרָא לְהַחֲיוֹת בָּהֶם נֶפֶשׁ כָּל חָי', האט דער צדיק געטייטשט אזוי, 'בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת רַבּוֹת' דער באשעפער האט באשאפן די אלע נפשות פון די גוים פאר איין סיבה, 'לְהַחֲיוֹת בָּהֶם נֶפֶשׁ כָּל חָי', צו מחי' זיין אידישע קינדער, אבער אויב א גוי איז מצער א איד האט ער שוין נישט וואס צו זיכן אויף די וועלט.

**איינע פון די גרויסע חסידים פונעם צדיק** הרה"ק רבי משה'לע מדעעש זי"ע איז אמאל געקומען צו זיין רבין זיך מזכיר זיין, ער האט געשריבן א קוויטל אויף א פאפיר, ווען ער האט געענדיגט שרייבן דעם קוויטל איז איבער געבליבן א גרויסע חלק פונעם פאפיר ליידיג, האט דער איד אראפ געריסן די ליידיגע חלק און אריין געלייגט צו זיך אין טאש.

ער איז אריין צום רבין, און געגעבן דעם קוויטל און די רבי האט אים שיין אן געווינטשן לויט וואס ער האט זיך מזכיר געווען אינעם קוויטל, דער חסיד האט זיך געזעגענט און ארויס אויפן וועג, אזוי גייענדיג אויפן וועג האט ער געברויכט עפעס אראפ שרייבן, האט ער ארויס גענומען דעם ליידיגן פאפיר וואס איז איבער געבליבן פונעם קוויטל, אבער עס איז אים שלעכט געווארן, ווייל ער האט באמערקט, אז ער האט פארן רבין בכלל נישט געגעבן דעם קוויטל, נאר גאר דעם ליידיגן חלק, ווייל ער האט בטעות אריין געלייגט צו זיך אין טאש דעם קוויטל.

ער איז שנעל צוריק צום רבין, ער האט גלייך געבעטן דעם רבין מחילה אז דער צדיק זאל ח"ו נישט מיינען אז ער האט דא חוזק געמאכט פונעם רבין ביים געבן א ליידיגע קוויטל, אבער דער צדיק וקדוש רבי משה'לע זי"ע האט אים גלייך בארואיגט, אז ער זאל נישט זיין בצער, ווייל ער האט בכלל נישט געהאלטן אז ער האט דא געמיינט חוזק צו מאכן פון אים.

דאן האט דער איד געפרעגט דעם רבין, אויב איך האב דעם רבין נישט געגעבן דעם קוויטל, פון ווי האט דער רבי געוויסט מיינע בקשות פונעםליידיגן צעטיל, האט דער הייליגער צדיק געענטפערט, "וואס טראכט איר דען אז מיר גנב'נען געלט פון אידישע קינדער ח"ו, נאר א רבי וואס קען נישט ליינען א ליידיגן קוויטל, דער קען אויך נישט ליינען קיין געשריבען קוויטל".

**הרה"ק רבי משה'לע מדעעש זי"ע** איז אמאל געווען אין שטאט קלויזענבורג, ווען מען האט געוואלט אהיים פארן האבן די שמשים געוואלט פארן מיטן באן, ווייל דאס איז געווען דעם שנעלערן וועג אהיים צו גיין, אבער דער צדיק האט געזאגט, אז ער וויל דווקא פארן מיטן פערד און וואגן, און ער האט צו געלייגט, עס איז דא צוויי ערליי וועגן צו פארן, 'הולכי דרכים' און 'עוברי דרכים', און דער צדיק האט דאס מסביר געווען, אז 'עוברי דרכים' איז איינער וואס פארט סתם אזוי לשם פארן, אבער 'הולכי דרכים' איז איינער וואס טוט עפעס אויף מיט זיין פארן.

אויפן וועג האט דער צדיק געזען ווי דער בעל עגלה יאגט זיך זייער, האט דער צדיק געפרעגט פארוואס ער יאגט אזוי, האט דער בעל עגלה געזאגט, אז ער זעט פון דערוויטענ'ס עפעס רויער און ער וויל נישט אז דאס זאל אויף האלטן דעם וועג פארן רבין און דערפאר יאגט ער זיך צו, האט דער צדיק געבעטן אז ער זאל דווקא יא צו פארן צו דעם פלאץ ווי די רויער קומט ארויס.

לפלא ווען זיי זענען אנגעקומען דארט, האט מען געזען, אז דאס איז געווען א אידישע שטוב וואס האט רח"ל געברענט און די גאנצע משפחה איז געשלאפן, מען האט גלייך אויף געוועקט די גאנצע משפחה און מען האט דורך דעם געראטעוועט די גאנצע משפחה, דאן האט דער שמש פארשטאנען פארוואס דער צדיק האט דווקא געוואלט פארן מיטן וואגן און נישט מיטן באן.

**צווישן די הונדערטער אידן וואס זענען זיך טעגליך** געקומען מזכיר זיין ביים הייליגן צדיק וקדוש רבי משה'לע מדעעש זי"ע, איז געווען א צובראכענע פרוי, זי איז שוין יארן לאנג ליידער אן עגונה, איר מאן איז ליידער פארשווונדען געווארן שוין מיט יארן צוריק, און איר איבער געלאזט מיט א שטוב מיט קינדער, זי האט ליידער נישט געקענט חתונה נאכאמאל, וויבאלד זי האט נישט געקענט טרעפן איר מאן צו באקומען א גט.

זי איז כסדר געקומען זיך מזכיר זיין ביים צדיק, אבער יעדעס מאל האט איר די רבי גע'פטר'ט אן געבן א קלארע ברכה אדער אן ווייזן וואס זי ברויך טון, איין טאג איז די פרוי אריין צום רבין, און זייער געוויינט אויף איר מצב, און דאן האט זי געזאגט פארן רבין, אז זי וועט נישט ארויס גיין ביז די רבי העלפט איר ארויס מיט איר מצב, דאן האט דער צדיק געזאגט פאר די פרוי, אז זי זאל פארן קיין 'פעסט' און דארט וועט זי טרעפן איר פארלוירענע מאן.

די פרוי האבענדיג די אמת'ע אמונת צדיקים, האט נישט געטראכט קיין צווייי, נאר זיך ארויס געלאזט אויפן וועג, אבער וויבאלד זי האט נישט געהאט קיין פרוטה האט זי געמיזט מאכן דעם גאנצן שווערן וועג צופיס, די וועג איז געווען א גאר שווערער, אבער די פרוי האט באמת געגעלייבט אז די ווערטער פונעם רבין וועט איר בקרוב ברענגען די ישועה.

אנקומענדיג אין שטאט פעסט, האט די פרוי נישט געוויסט ווי זי זאל גיין זיכן דעם מאן, זי איז קודם אריין אין א הכנסת אורחים און זיך מסדר געווען פון איר שווערע וועג, דעם אנדערן טאג האט די פרוי געזען אז פונעם שווערן וועג האט זיך אירע שיך נעבעך צוריסן, מיט גרויס בושה האט זי געמיזט בעטן א נדבה פון די שטאט מענטשן, אז זי זאל כאטש קענען פארעכטן די שיך.

ווען די פרוי איז אריבער צום שוסטעריי און געזען דעם שוסטער, האט זי געגעבן א שריי אויס, "דאס איז דאך מיין פארשוואונדענע מאן", און די פרוי האט גע'חלש'ט, עס איז געווארן א גרויסע טומל און דער גאנצער עולם איז זיך צוזאמען געלאפן, ווען מען האט איר דערמונטערט, האט די פרוי דערציילט אז דאס איז איר מאן וואס איז אנטלאפן יארן צוריק און איר איבער געלאזט אלס אן א עגונה.

מען האט גלייך גענומען דעם שוסטער צום בית דין וואס האט אים געהייסן געבן א גט פארן ווייב און זי איז מיטן באשעפערס הילף געווארן באפרייט, דאן האט זי דערציילט דעם גרויסן מופת וואס איר רבי דער הייליגער צדיק רבי משהל'ע מדעעש זי"ע האט איר געהייסן פארן קיין פעסט וואס דורך דעם האט זי געטראפן איר פארלוירענע מאן וואס זי זיכט שוין יארן לאנג.

**דער הייליגער צדיק רבי משה'לע מדעעש זי"ע** האט גאר שטארק מקפיד געווען, אז זיינע חסידים זאלן כאטש איינמאל א חודש זיין ביי אים, און דערפאר זענען א גרויס חלק חסידים געקומען צום רבין יעדן ראש חודש צום טיש כדי צו מאכן זיכער נישט צו פארפעלן א חודש אן זיין ביים הייליגען רבין און זעהן זיין הייליגע צורה.

איין שבת ביינאכט פרשת שופטים האט דער צדיק רבי משה'לע געזאגט תורה אויפן פסוק, (דברים כ"א ז') יָדֵינוּ לֹא שָׁפְכוּ אֶת הַדָּם הַזֶּה, וְעֵינֵינוּ לֹא רָאוּ, האט דער צדיק געזאגט, לכאורה איז די ווערטער וְעֵינֵינוּ לֹא רָאוּ איבעריג, ווייל וואס איז דער חידוש אז זיי האבן נישט געזען.

נאר דער צדיק האט דאס פארענטפערט מיט דעם דיוק פון רש"י, ווייל לכאורה, פארוואס דארפן די זקנים פון שטאט זאגן אז זיי האבן נישט פארגאסן די בלוט, פאר וועם וועט דען איינפאלן אז די זקנים פון שטאט האבן ח"ו פארגאסן בלוט, נאר דער תירוץ איז, אז די זקנים האבן געהאט א כח מגין צו זיין אז עס זאל נישט געשען די אומגליק.

און דער צדיק האט ממשיך געווען, מיר האבן א קבלה, אז דער צדיק קען נאר מגין זיין אויף דעם ווער עס האט געזען דעם צדיק'ס צורה אין די לעצטע דרייסיג טאג, במילא איז די פשט אין פסוק אזוי, יָדֵינוּ לֹא שָׁפְכוּ אֶת הַדָּם הַזֶּה, פארוואס ווייל וְעֵינֵינוּ לֹא רָאוּ, ווייל זיי האבן נישט געזען דעם צדיק'ס אויגן, און דער צדיק האט מסיים געווען בזה"ל, "דער בחור פלעגט קומען יעדן ראש חודש נאך ראש חודש געלט, אבער דעם לעצטן ראש חודש איז ער נישט געווען, במילא האבן מיר נישט געקענט מגין זיין אויף אים".

די חסידים האבן זיך אנגעקוקט איינער דעם אנדערן און נישט פארשטאנען פון וועלכער בחור די רבי רעדט דא, אבער זייער וואונדער האט נישט צו לאנג אנגעהאלטן, ווייל אין שוהל האט אריינגעשטורעמט ר' מאיר דער שוחט און דיין פון שטאט ארישאהר, און ער שרייט, אז דער רבי זאל מעורר זיין רחמים אויף איינע פון די בחורים פון די ישיבה, וואס איז געגאנגען ערב שבת צום טייך זיך טובל'ן און ער איז נישט צוריק געקומען.

אבער דער עולם האט שוין גלייך פארשטאנען פון די ווערטער פונעם רבין, אז עס איז שוין ליידער נישט דא וואס צו טון ווייל ער איז נישט געווען ביים רבין אין די לעצטע דרייסיג טאג, כך הוה מען האט דעם בחור געטראפן שפעטער נישט בין החיים רח"ל.

**יארצייט מאנטאג כ"ה כסלו א' דחנוכה**

**הרה"ק רבי יעקב ישראל ב"ר צבי הירש הלוי זי"ע, (שטערן), בעל שבט ישראל, המגיד מקרעמניץ,**

ער איז געבוירן בערך בשנת תק"א.

צו זיין טאטן הגה"ק רבי צבי הירש זי"ע.

ער איז געווען א גאון עולם און גדול בתורה ובחכמה, ער איז געווען מפורסם אלס א חריף ופרשן גדול בתורה, און א דרשן נפלא, ער איז געווען א בקי נפלא און אלע מקצועות בתורה, ער האט געדינט אלס מגיד מישרים אין שטאט קרעמניץ, און ער האט אסאך אידן מעורר געווען צו תשובה מיט זיינע הערליכע דרשות ורבים השיב מעון, ער איז געווען באוויסט מיט זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה.

ביי די 12 יאר אלט איז דער גאון שוין געגאנגען לערנען אין די ישיבה פון הרה"ק רבי שמעון מייזלש אב"ד זאלקאווי זי"ע, און גאר שנעל איז ער שוין געווען איינע פון די גרעסטע תלמידים ביי זיין רבין, ווי מען קען זעהן די געוואלדיגע אהבה וואס זיין רבי האט געהאט צום תלמיד, און ווי זיין גרויסע רבי שרייבט אין די הסכמה אויפן ספר שבט ישראל בזה"ל, "נהירנא כד הוי טליא בר שנים עשר שנין, יצק מים על ידי, בין התלמידים ספונים וחשובים, בוצין בוצין מכתפיה ידעי' שיהא מורא הוראה בישראל".

אויך האט דער גאון געלערנט שפעטער תורה ביי הגה"ק המקובל רבי יצחק אבד"ק בעלזא זי"ע.

ווי דער גאון האט אליין מעיד געווען, אז גאנץ אנפאנג האט ער עוסק געווען במסחר און געוואלט זיין א נהנה מיגיע כפו, און רוב צייט פונעם טאג און אויך ביינאכט איז דער גאון געזעצן און עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער איז ממש געווען אויסגעטון מעולם הגשמי, אבער דאן האט זיך דער מצב איבער געדרייט, און עס איז געווארן א געפערליכע דחקות אין שטוב.

דאן האט דער גאון נישט וועלענדיג נעמען קיין רבנות שטעלע, בלית ברירה אנגעהויבן דינען אלס מגיד מישרים, און אפילו ער איז נישט געווען אזוי געוואוינט צו מגידות, האבן די אידן גאר שנעל איין געזעהן זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע התנהגות דקדושה, און גאר שנעל איז דער גאון געווארן מפורסם אלס א גאון וגדול בתורה, און הונדערטער אידן זענען געקומען הערן דעם דבר השם פון דעם גאון וצדיק, אויך איז ער גאר אסאך ארום געפארן צו שטעטלעך צו זאגן דרשות פאר אידן און מעורר זיין אידן לעבודת הבורא.

ער האט געהאט א מנהג, אז יעדן ערב יום הקדוש, זענען זיינע זינען און טעכטער זיך געקומען בענטשעןביים טאטן, לכבוד דעם הייליגסטע טאג פונעם יאר, איין יאר ערב יום כיפור האט איינע פון די טעכטער פארשפעטיגט צו קומען צוזאמען מיט אלע קינדער, און זי איז שנעל געקומען שטיין ביים טיר פונעם ביהמ"ד צוזאמען מיט איר קליין קינד, כדי די טאטע זאל איר בענטשן, און ווען די טאטע איז אנגעקומען, האט זיין טאכטער זייער געוויינט, און די קליין קינד האט אויך געוויינט, האט די זיידע געפרעגט פונעם קליין קינד, פארוואס וויינסטו, האט די קינד געענטפערט אז איך זעה די מאמע וויינען וויין איך אויך.

ווען דער גאון איז נאכדעם אריין און שוהל צו כל נדרי, איז ער ארויף אויפן ארון קודש, און ער האט מיט בכיות איבער געזאגט די ווערטער פונעם קינד, און געזאגט, אז די קינד האט איינמאל געזען דעם מאמען וויינען, האט די קינד אויך מיט געוויינט, איז כל שכן וכל שכן אונז אידישע קינדער, וואס ווייסן אז די שכינה הקדושה וויינט, ווי די גמרא זאגט, "בת קול מנהמת כיונה ואומרת אוי לבנים שבעוונותיהם החרבתי את ביתי ושרפתי את היכלי והגליתים לבין האומות", דארפן אונז זיכער מיט וויינען מיט די שכינה.

דערציילט מען, אז עס איז געווארן א גאר שטארקע התעוררות און די ביהמ"ד, און דער הייליגע חוזה מלובלין זי"ע האט שפעטער געזאגט, אז עס איז פון דעם געווארן א גרויסע רעש אין הימל, פון די גרויסע התעוררות לתשובה וואס איז דאן געווארן דורך די ווערטער פונעם הייליגען גאון.

דער גאון האט געלעבט אין די צייט ווען עס איז אן געגאנגען די מלחמה כבידה פון די ערליכע רבנים און צדיקים, קעגן די כת פון שבתי צבי ימ"ש וואס איז געפירט געווארן דורך דעם רשע ועוכר ישראל יעקב פראנק שר"י, און דאן איז פאר געקומען גרויסע ויכוחים צווישן די ערליכע פרומע רבנים און די פראנקיסטן אין שטאט קאמניץ, און ליידער איז דאן ארויס די גזירה צו פארברענען רח"ל די ש"ס תלמוד בבלי.

אויך דער גאון רבי יעקב ישראל דער מגיד מקרעמניץ זי"ע איז געווען פארמישט אין די פרשה, און ער האט גאר אסאך דרשות געהאלטן צו מעורר זיין אידישע קינדער צו שטיין ווייט פון די משכילים און די פראנקיסטן וכד דלי שר"י, אויך אפאר יאר שפעטער בשנת תקכ"ח, איז פאר געקומען די צרות פון די קאזאקען וואס האבן ליידער אויס גע'שחט'ן גאר אסאך נפשות ישראל מיט רציחות נוראיות, האט דער גאון ווייטער זיך אריין געלייגט צו העלפן אידישע קינדער, און מען קען זעהן ווי דער גאון איז מקונן אין זיין ספר אגודת אזוב, אויף די צרות וואס אידישע קינדער האבן דאן מיט געמאכט.

אויך האט דער גאון צוזאמען מיט א גרויסע חלק פון כלל ישראל מיט געמאכט דעם שווערן מגיפה וואס האט אויס געבראכען אין אוקראינה, וואס האט ליידער אפ געקאסט טויזענטער אידישע נפשות, און דער גאון שרייבט שפעטער און איז מקונן בדמעות שליש אויף די צרות ישראל, און ער דאנקט דעם באשעפער אויף די חסדים אז ער מיט די משפחה זענען געראטעוועט געווארן פון די מגיפה.

אויך בשנת תקמ"א איז ארויס א גזירות גירש דורך די אוקריינישע רשעים וואס האבן געזיכט צו פייניגען דאס אידישע פאלק, און די אידן האבן פאר א לאנגע צייט געליטן פון זייערע גוישע שכנים וואס האבן כסדר גע'סטראשעט די אידן מיטן ערגסטן, און בחסדי ד' איז די גזירה בטל געווארן, און דער גאון

האט דאן גאר שטארק מעורר געווען אידישע קינדער צו תשובה און תיקון המעשים.

אבער אפילו מיט די אלע צרות וואס דער גאון האט ליידער מיט געמאכט זיין גאנץ לעבן, האט ער די גאנצע צייט ווייטער עוסק געווען בתורה ועבודת השם מיט א מסירת נפש, ער האט כסדר עוסק געווען מיט די צרכי הכלל והפרט, ער איז אייביג געשטאנען צו הילף פאר יעדן איד און מיט א מסירת נפש זיך אוועק געגעבן פארן כלל.

דער גאון איז געווען די מגיד מישרים און שטאט קרעמניץ און מען האט אים גערופען המגיד הגדול מקרעמניץ, ער האט מחבר געווען געהויבענע חיבורים ובתוכם.

ספר אגודות אזוב אויף איכה און שיר השירים און אויף הגדה של פסח,
ספר שפת אמת אויף משלי,
ספר שבט מישראל אויף תהילים.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הרה"ק רבי אברהם זאב זי"ע,
חתנו הגה"ק רבי יצחק מייזליש דומ"ץ קרעמניץ בעל לקוטי שושנים זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים כ"ה כסלו א' דחנוכה בשנת תק"ס, ומנוחתו כבוד איז און בית החיים אין שטאט קרעמניץ.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

**אין שטאט פשעמישל ליגט א צדיק הרה"ק רבי יצחק אייזיק ב"ר יעקב סג"ל בעל רזא מהימנא זי"ע**, וואס איז געווען א צדיק נסתר, ער האט געדינט אלס שוחט אין שטאט און דורך דעם באהאלטן זיין גדלות און קדושה, מען פארציילט, אז בעפאר זיין הסתלקות כ"א אייר בשנת תקמ"ג האט ער געהייסן פאר זיין ווייב, אז זי זאל גיין צום שטאט פשעמישל, און מודיע זיין פאר די חברה קדושה אז איר מאן איז נוטע למות, און ער וויל זיי זאלן זיין ביי אים בשעת יציאת נשמה.

ווען די חברה קדושה זענען אנגעקומען צום שטוב, האבן זיי נישט געטראפן דעם צדיק דארט, האבן זיי געפרעגט ווי איז דער מענטש וואס איז נוטע למות, גלייך איז דער צדיק אריינגעקומען מיט א בינטל שטרוי, און געזאגט, שמעו נא רבותי הערט מיך אויס.

מיין גאנץ לעבן האב איך מיך באהאלטן פון די אויגן פון יעדן איינעם, אבער יעצט ווען איך האלטביים פארלאזן די וועלט, וויל איך מאכן זיכער, אז מיינע כתבים זאל ווערן געדריקט נאך מיין פטירה, דערפאר בעט איך ענק אז מען זאל ריפן שרייבער'ס וואס זאלן זיך אפ געבן מיט מיינע כתבים וואס ליגן דא אין דעם קאסטן, כדי עס זאל בלייבן לאחר מאה ועשרים שנה.

האט ער ווייטער געזאגט, איך וועל מיך לייגן אויף די שטרוי און געוויזן אויף א קעסטל וואס דארט ליגט זיינע כתבים און געזאגט, אז מען זאל ארבעטן אראפ צו שרייבן די כתבים, און ווען מען וועט זעהן א טויש אויף זיין פנים, זאל מען אויפהערן צו שרייבן די כתבים און די ארגינעלע כתבים זאל מען באהאלן מיט אים אונעם קבר.

די חברה קדושה האבן געלאזט רופען אסאך אידן פונעם שטעטל וואס זאלן קומען ארויס העלפן צו שרייבן די כתבים וואס זענען שוין געווען גאר אלט, צווישן די ראש המעתיקים איז געווען דער הייליגער ישמח משה מאוהעל זי"ע וואס האט אויך שפעטער זיך אסאך מטריח געווען צו דריקען די הייליגע כתבים פון דעם צדיק, ווען מען האט געזעהן אז די פנים פון דעם צדיק האט זיך געטוישט, האט מען אריין געלייגט אלע כתבים און דאס באהאלטן צוזאמען מיט דעם צדיק נאכן פטירה, וואס איז דאן געווארן בארדיגט אין שטאט פשעמישל.

א תקופה נאך די פטירה פון דעם צדיק נסתר, איז דער צדיק הרה"ק רבי יעקב ישראל המגיד מקרעמניץ זי"ע דורך געפארן דעם שטאט פשעמישל, און פאר די אידן פון שטאט האט זייער ווי געטון, אז מען האט דעם שוחט וואס איז געווען אזא גרויסע צדיק נישט שיין מכבד געווען לפי גדלו, האבן זיך די אידן אויס גערעדט פארן צדיק און דערציילט דעם מעשה פון די וואונדערליכע פטירה פון דעם שוחט, און לגבי די דברי תורה וואס מען האט אראפ געשריבן.

האט דער צדיק מקרעמניץ געבעטן פון אלע אידן פון שטאט, אז זיי זאלן אים ברענגען די כתבים פונעם שוחט, און ווען ער האט שוין אלעס געהאט און שיין מסדר געווען, האט דער צדיק מיט גענומען די כתבים מיט זיך, אויפן וועג איז ער דורך אין שטאט לבוב, דארט האט ער געטראפן דעם טפסר המפורסם רבי יהודה לייב מבולחוב זי"ע, און דער צדיק האט אים אהין געגעבן אלע כתבים, און געבעטן אז ער זאל דאס דריקן, און דער צדיק מקרעמניץ האט דאס אלעס באצאלט פון זיין טאש, און בשום אופן נישט געוואלט מאכן קיין שום ריוח פונעם גאנצן זאך, נאר געוואלט דאס דריקן לזכות פון דעם צדיק נסתר דער שוחט, דאן האט מען אפגעדריקט די צוויי ספרים 'אריה ישאג' און 'רזא מהימנא'.

**יארצייט מאנטאג כ"ה כסלו א' דחנוכה**

**הרה"ק רבי משולם זוסיא ב"ר נפתלי מליזענסק זי"ע,**
**(ווייסבלום), מנדבורנא,**
**"הנקרא ר' זושא'לע מנדבורנא"**

ער איז געבוירן בשנת תק"פ.

צו זיין טאטן הרה"ק רבי נפתלי בעל אילה שלוחה מליזענסק זי"ע,
בן הרה"ק רבי אלעזר מליזענסק זי"ע,
בן הרה"ק רבי אלימלך בעל נועם אלימלך מליזענסק זי"ע.

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת שיינדל רחל ע"ה,
בת הרה"ק רבי אלחנן מבילגוריי זי"ע, (הנקרא ר' חנן ריישער זי"ע),
חתן הרה"ק רבי משולם זושא מאניפולי זי"ע,
מגדולי תלמידי זקינו הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע.

ער איז געווען א צדיק יסוד עולם און א איש קדוש מאוד, און אזוי ווי זיין טאטע הרה"ק רבי נפתלי ליזענסקער זי"ע, און זיין זיידע הרה"ק רבי אלעזר מליזענסק זי"ע, איז ביי דעם אייניקל דער קדוש רבי משולם זוסיא זי"ע קיינמאל נישט דורך חצות הלילה מיטן שלאפן, נאר דער צדיק האט יעדע נאכט אפגעראכטען תיקון חצות מיט א געוואלדיגע דביקות און מיט בכיות נוראות, ער האט עוסק געווען און תורה און עבודת השם יומם ולילה ממש ולא פסיק פומיה מגירסא.

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת צפורה דבורה ע"ה,
בת הרה"ק רבי דוד ארי' יהודה לייב מגיד מנדבורנא זי"ע, (חתן הרה"ק רבי מאיר זי"ע, בן הרה"ק בעל קדושת לוי מבארדיטשוב זי"ע),
בן הרה"ק רבי צבי הירש בעל צמח ד' לצבי המגיד מנדבורנא זי"ע.

דער צדיק איז זיין גאנץ לעבן געווען גאר שטארק באהאלטן און געדינט דעם באשעפער בהסתר, אבער צדיקים האבן מעיד געווען אויף זיין געוואלדיגע קדושה מיט וואס ער האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט, כ"ה מרחשון בשנת תר"ט איז זיין טאטע דער צדיק רבי נפתלי זי"ע נסתלק געווארן, און י"ז שבט די זעלבע יאר תר"ט איז זיין גרויסע שווער נסתלק געווארן.

ער איז געווען פון די גדולי חסידי קאסוב און וויזניצא, אויך איז ער געווען ממונה אלס גבאי פון די כולל וויזניצא לצדקות רבי מאיר בעל הנס אין שטאט צפת, עס ווערט פארציילט, אז איינמאל איז א איד געקומען צו זיין רבין הרה"ק רבי חיים בעל תורת חיים מקוסוב זי"ע מיט א קוויטל, און דער חסיד האט געבעטן אז ער וויל שפירן א טעם אין דאווענען, און זיין תפילה זאל זיין מיט א אמתדיקייט אן קיין מחשבות זרות.

האט זיך דער צדיק רבי חיים מקוסוב זי"ע אויסגעדרייט צום תלמיד הרה"ק רבי משולם זוסיא מנדבורנא זי"ע, און פרעגט אים, וואס זאגסטו צו די בקשה פון דעם חסיד, האט דער תלמיד רבי משולם זוסיא זיך אנגערופען, "ער איז דאך גערעכט, אז ער וויל דאווענען אן קיין מחשבות זרות", האט דער הייליגער תורת חיים זי"ע געזאגט.

דער איד ווייסט נישט, אז אפילו ווען א איד גרייט זיך צום דאווענען ווען ער שטייט אויף גאר פרי, ער גייט אין מקו' און ער הייבט אן מאכן א חשבון ביי זיך, ווי בין איך, ווי שטיי איך, וואס האב איך נעכטען געטון, וואס דארף איך היינט טוהן, און ער לערנט א פרק משניות, א דף גמרא, פרקי תהילים, חובת הלבבות, און ער שטעלט זיך דאווענען, דארף ער אויך האבן גרויס סייעתא דשמיא ער זאל נישט האבן קיין מחשבות זרות, אבער ווען א איד גרייט זיך בכלל נישט צו צום דאווענען, נאר ער שמועסט און איז מבטל צייט בעפאר ער גייט דאווענען, און ער ערווארט צו האבן א דאווענען אן קיין מחשבות זרות, אזא איד קען איך נישט העלפן.

סוף ימיו איז דער צדיק רבי משולם זוסיא זי"ע ארויף קיין ארץ ישראל, און זיך באזעצט אין שטאט צפת, דארט האט מען דעם צדיק גאר שטארק מכבד געווען און מעריץ געווען, סיי זייענדיג א צדיק וקדוש, און אויך זייענדיג א אייניקעל בן אחר בן פונעם הייליגען רבי אלימלך מליזענסק זי"ע.

ער האט איבערגעלאזט נאך זיך 16 קינדער, און מען פארציילט, אז ווען ער איז ארויף קיין ארץ ישראל, האט ער געהאט א משפחה פון איבער 120 קינדער און אייניקלעך.

נסתלק לגנזי מרומים כ"ה כסלו די ערשטע טאג חנוכה בשנת תר"ן, ומנוחתו כבוד איז אויפן ביה"ח הישן אין שטאט צפת, סמוך ונראה צום הייליגען בית יוסף זי"ע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**יארצייט דינסטאג כ"ו כסלו ב' דחנוכה**

**הרה"ק רבי אלעזר ב"ר משה אליקים בריעה זי"ע,**
**(האפשטיין), בעל לקוטי מהר"א, מקאזניץ,**

ער איז געבוירן בערך בשנת תקס"ו.

צו זיין טאטן הרה"ק רבי משה אליקים בריעה בעל באר משה מקאזניץ זי"ע,
בן הרה"ק רבי ישראל בעל עבודת ישראל המגיד מקאזניץ זי"ע,
בן הרה"ק רבי שבתי בינדער זי"ע.

און צו זיין מאמען הרבנית הצדקת מרת חי' שרה ע"ה,
בת הרה"ק רבי אלעזר מליזענסק זי"ע,
בן הרה"ק רבי אלימלך בעל נועם אלימלך מליזענסק זי"ע.

ביים ברית וואס איז פאר געקומען כ' סיון בשנת תקס"ו, האט מען דעם קינד א נאמען געגעבן נאכן הייליגער זיידע הרה"ק רבי אלעזר מליזענסק זי"ע, און עס ווערט געברענגט, אז דער זיידע דער הייליגער מגיד מקאזניץ זי"ע פלעגט דעם טאג כ' סיון יעדעס יאר פאסטן, אבער מיטן ברית פון דעם הייליגען אייניקל רבי אלעזר, האט דער זיידע שוין מער נישט געפאסט דעם טאג כ' סיון ביז צו זיין פטירה.

ער איז געווען א איש אלקים קדוש ונורא מאוד און איינע פון די גרויסע צדיקי הדור, ער איז געווען א גאון נפלא וגדול בתורה, בוצינא קדישא, און א חסיד ועניו מאוד, פון זיין יוגענד אן האט מען שוין געזען אויף דעם קינד, אז עס וואקסט א גדול בישראל און א איש קדוש מאוד, ער איז שוין דאן געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע קדושה און זיינע הייליגע אויגן, טויזענטער אידן זענען נשפע געווארן מאור תורתו וקדושתו, און טויזענטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

הגה"ק רבי יצחק מאיר אלתר בעל חידושי הרי"ם מגור זי"ע וואס האט זיך אסאך מסתופף געווען בצלו פון דעם צדיק הרה"ק רבי משה'לע מקאזניץ זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל ווען דער זון רבי אלעזר זי"ע איז נאך געווען א קליין קינד, איז ער דער חידושי הרי"ם זי"ע געקומען צום טאטן רבי משה'לע מקאזניץ זי"ע, און געווארט אריין צו גיין צום רבין.

איז דאן ארויס געקומען דער קליינער אלעזר פון טאטן'ס שטוב, און דער הייליגער חידושי הרי"ם האט געפרעגט דעם קינד אלעזר, אין וואס איז דער טאטע יעצט עוסק, לפלא האט דער קינד געענטפערט, אז דער טאטע איז מעוטר בטלית ותפילין דר"ת און לערנט זוהר הקדוש פרשת בלק במעשה דינוקא, און דער ינוקא זי"ע שטייט נעבן אים.

ווען דער הייליגער חידושי הרי"ם זי"ע האט געהערט די ווערטער, איז ער שנעל געלאפן צום טיר פונעם רבין און געוואלט זעהן די מראה, אבער דאן האט דער הייליגער צדיק רבי משה'לע מקאזניץ זי"ע אויף געמאכט דעם טיר און געזאגט צו זיין קינד, בזה"ל, "אזוי אלעזר, די זאגסט אויס די סודות, וועל איך דיר שוין אויך נישט אריין לאזן", אבער פון דעם קען מען זעהן די הייליגע אויגן וואס דער צדיק האט שוין דאן געהאט אלס יונג קינד.

ער איז געווען א תלמיד מובהק פון זיין הייליגען טאטן רבי משה מקאזניץ זי"ע וואס האט דעם קינד געהאלטן נעבן זיך און געהאלטן א עינא פקיחא אויפן קינד, שוין גאר יונגערהייט, זעענדיג די גדלות און קדושה פונעם קינד נאך זייענדיג גאר יונג.

אויך איז ער געווען א תלמיד מובהק פון די צדיקים בדורו ובתוכם.

הרה"ק רבי ישעיה מפשעדבורז זי"ע,
הרה"ק רבי חיים מאיר יחיאל שפירא השרף ממאגלניצא זי"ע,
הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע.

ביי די 15 יאר אלט האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרתביילא ע"ה,
בת הרה"ק רבי יעקב הורוויץ ממעליץ זי"ע
בן הרה"ק רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ זי"ע.

נאך די חתונה האט דער אייניקל רבי אלעזר זי"ע געהאט די זכי' צו זיצן אויף קעסט ביי זיין זיידען דער הייליגער זרע קודש מראפשיץ זי"ע ביז צו די הסתלקות י"א אייר בשנת תקפ"ז, ער האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע קרבה פונעם גרויסן זיידן דער ראפשיצער רב זי"ע, אויך האט ער גאר אסאך תורה און עבודת השם דאן מקבל געווען פונעם גרויסן זיידן.

ווערט דערציילט, אז איין יאר פסח ביים סדר פונעם זיידן דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע, זענען אלע קינדער געזעצן ביים טיש, און אויך דער אייניקל רבי אלעזר מקאזניץ זי"ע איז דארט געזעצן, און ווען עס איז אנגעקומען צו 'יחץ' האט דער זיידע צובראכן די מצה, אבער דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט פארגעסן צו באהאלטן דעם אפיקומן, און די קינדער זעענדיג וואס זייער טאטע האט געטון, האבן זיי אויך נישט באהאלטן דעם אפיקומן, אבער רבי אלעזר מקאזניץ האט יא באהאלטן זיין אפיקומן.

שפעטער ווען עס איז געקומען צו צפון, האט דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע געזיכט זיין אפיקומן, און ווען ער האט געזען אז ער האט פארגעסן צו באהאלטן זיין אפיקומן, האט ער געפרעגט די קינדער זיינע, אויב זיי האבן יא באהאלטן זייער אפיקומן, פארשטייט זיך אז אלע האבן געענטפערט אז ניין.

האט זיך דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע אויס געדרייט צום אייניקל רבי אלעזר מקאזניץ זי"ע און געזאגט בזה"ל, "רבי אלעזר האט זיכער באהאלטן זיין אפיקומן, ווייל ער טוט וואס עס שטייט אין די הגדה", ווען רבי אלעזר האט געזאגט אז ער האט יא באהאלטן די אפיקומן, האט דער זיידע געפרעגט פארוואס ער האט יא באהאלטן דעם אפיקומן.

האט דער אייניקל געזאגט מיט א פשטות "ווייל אזוי שטייט אין די הגדה מען זאל טון", דאן האט דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע און אלע קינדער געגעסן פון דעם אפיקומן פון רבי אלעזר,

און דער זיידע האט זיך אויס געדריקט אויפן אייניקל בזה"ל, "ראו שהגרוע מן הטוב, הוא יותר טוב מהטוב שבגרוע".

נאכדעם וואס דער זיידע דער ראפשיצער רב זי"ע איז נסתלק געווארן י"א אייר בשנת תקפ"ז, איז רבי אלעזר צוריק צו זיין טאטן קיין קאזניץ, אבער נאך א יאר י"ב אלול בשנת תקפ"ח איז זיין הייליגע טאטע הרה"ק רבי משה'לע מקאזניץ זי"ע נפטר געווארן, און 4 חדשים שפעטער י"ט טבת בשנת תקפ"ט איז זיין שווער הרה"ק רבי יעקב ממעליץ זי"ע נסתלק געווארן.

נאכן פטירה פון זיין טאטן זי"ע האבן די חסידים געוואלט אויף נעמען דעם זון רבי אלעזר זי"ע אלס ממלא מקום פונעם טאטן אין קאזניץ, אבער דער צדיק האט נישט געוואלט נעמען דאס רבנות און געזאגט דעם טעם, עס שטייט אין פסוק (משלי כ"ג כ"ג) אֱמֶת קְנֵה וְאַל תִּמְכֹּר, און ער האט דאס מסביר געווען אזוי, 'אֱמֶת קְנֵה' ווי לאנג א איד האט די מעגלעכקייט איין צו קויפן דעם אמת און דעם ריכטיגן וועג אין עבודת השם פון זיין רבי, 'וְאַל תִּמְכֹּר' זאל א איד נישט פארקויפן דעם אמת, דערפאר ווי לאנג איך האב א רבי פון וועם צו נעמען א דרך אין עבודת השם, וויל איך נישט פירן קיין רבנות.

יענע צייט האט זיך דער צדיק רבי אלעזר זי"ע געפירט מיט א געוואלדיגע שפלות ער האט זיך באהאלטן פון די וועלט און געפירט זיין התנהגות מיט א געוואלדיגע פשטות, ער איז דאן געזעצן און עוסק געווען יומם ולילה בתורה ועבודת השם און געשטיגן בתורה אויף א גאר הויכע פארנעם, ער האט געהאט א מנהג צו פאר רייכערן דעם לולקע אבער נאר בהסתר, און ווען עס איז זיך צוזאמען געקומען א מנין אידן, האט ער אראפ געלייגט דעם לולקע און געזאגט, "כל בי עשרה שכינתא שריא, ווי עס איז דא צען אידן איז די שכינה אויך דארט, און אויב די שכינה איז דא איז דאס נישט קיין כבוד".

דער תלמיד הרה"ק מפאריסוב זי"ע האט דערציילט, אז דער צדיק רבי אלעזר מקאזניץ זי"ע האט געהאט א מנהג, אז ער האט יא געוועדט בעפארן דאווענען אנדערש ווי אנדערע צדיקים, און ער האט איינמאל מסביר געווען דעם מנהג, אז ער וויל נישט מאכן קיין שום הכנה פון ערענסקייט בעפארן דאווענען, נאר ער וויל האבן נאר וואס מען גיבט אים פון הימל, מי לנו במקום גדולים.

איין שבת איז דער צדיק געפארן זיך מסתופף זיין בצלו פון זיין שוואגער הרה"ק רבי יוסף מדאמבראווא זי"ע, איז דארט געווען א גרויסע מתנגד פונעם שוואגער, וואס ער האט נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי אזא גרויסע צדיק ווי רבי אלעזר קומט זיך מסתופף זיין בצלו פון זיין שוואגער, וואס לויט זיין פארשטאנד האט ער געהאלטן אז דאס פאסט נישט.

שבת קודש צופרי, ווען דער צדיק רבי אלעזר איז געגאנגען אין מקו' גאר פרי זיך צו גרייטן צום דאווענען, איז דער מתנגד אויך דארט געווען, און דער מתנגד האט נישט געוויסט אז דער צדיק איז דארט, און אנגעהויבן רעדן אויפן צדיק רבי אלעזר מיט א געפערליכע בזיון, אבער ווען דער מתנגד האט באמערקט דעם צדיק אין מקו', האט אים אנגעכאפט א געפערליכע בושה און חרטה אז ער האט דא מבזה געווען דעם צדיק, אבער דער רבי האט אים גלייך בארואיגט און געזאגט מיט א תמימות און שמחה, "אדרבה די האסט מיך דערפרייט אז די ווייסט יא דעם אמת ווי קליין איך בין באמת".

איין שבת קודש ווען דער צדיק איז געווען אויף שבת ביים צדיק דער גוטער איד מניישטאט זי"ע, איז ער זונטאג אוועק געפארן צוזאמען מיטן הייליגען תפארת שלמה מרדומסק זי"ע, און אויך דער צדיק רבי נתן דוד משידלובצא זי"ע, אויפן וועג ארויס איז א איד געקומען צום הייליגען צדיק מניישטאט, און געבעטן אז דער רבי זאל אים העלפן, ווייל דער פריץ פון שטאט האט אים געסטראשעט אז ער גייט אים ארויס ווארפן פון זיין הויז און ער גייט בלייבן אן א דאך איבערן קאפ פאר זיין משפחה, און ער בעט זיך ביים רבין מניישטאט אז ער זאל אים העלפן.

האט זיך דער צדיק דער גוטער איד מניישטאט זי"ע אויס געדרייט צו די דריי צדיקים וואס זענען געזעצן אויפן וואגן גרייט אוועק צו פארן, און געבעטן אז זיי זאלן א טובה טון פאר דעם איד און אים העלפן, דאן האט זיך רבי אלעזר זי"ע אנגערופן מיט זיין געוואלדיגע עניוות, "איך בין נישט קיין רבי, איך בין א פשוטע איד", און דאס האט דער צדיק זיין גאנץ לעבן געהאלטן פון זיך, אז ער איז באמת א פשוטע איד, און ער האט זייער מקפיד געווען ווען מען האט אים מכבד געווען.

איין שבת קודש ווען דער גוטער איד מניישטאט זי"ע איז געווען אויף א שבת אין קאזניץ ביים צדיק רבי אלעזר מקאזניץ זי"ע, האט ער זיך נאך שבת אויס געדריקט בזה"ל, "הלא כל רבי מוכרח שיוכל להעלות נשמות ישראל, אבל להעלות כל העולם בפעם אחת, זה חידוש, והנה הסתכלתי על העולם שלו, והיה חילוק גדול בין קודם קידוש לאחר קידוש".

אלע גדולים און צדיקים בדורו האבן גאר שטארק משבח געווען און מעריץ געווען די גדלות פונעם צדיק און זיין געוואלדיגע קדושה און עניוות.

הרה"ק רבי יצחק מנעשכיז זי"ע האט אמאל געזאגט פאר א תלמיד אויפן הייליגען צדיק רבי אלעזר מקאזניץ זי"ע בזה"ל, "אע"פ שאיני מכיר אותו כל כי האי, אבל מחמת גודל הפשטות שלו אני אוהב אותו מאד", וואס אפילו דער צדיק רבי איציק'ל מנעשכיז זי"ע האט גאר גוט געקענט דעם גדלות ברחניות פונעם צדיק, מיט דעם אלעם איז ער מער נתפעל געווארן פון זיין געוואלדיגע פשטות.

אויך הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע און הרה"ק רבי מרדכי מלעכאוויטש זי"ע האבן כסדר גערעדט פון דעם גרויסע שפלות און פשטות פונעם צדיק מקאזניץ, און אסאך מער באוואונדערט זיין שפלות, ווי זיין גדלות בתורה ובקדושה, אויך האט דער הייליגער בעלזא רב אמאל געזאגט, אז דאס קדושת איברים פונעם צדיק מקאזניץ איז נישט בנמצא ביי אנדערע צדיקים, הרה"ק רבי חנה מקאלשיץ זי"ע האט מעיד געווען, אז דער צדיק מקאזניץ זי"ע איז 22 יאר געגאנגען מיט א שמאטע אויף די אויער, כדי ער זאל ח"ו נישט נכשל ווערן מיטן הערן דברים בטלים.

ווען דער צדיק רבי אלעזר מקאזניץ זי"ע פלעגט פארן קיין צאנז צום הייליגען דברי חיים זי"ע, האט אים דער צאנזער רב גאר שטארק מכבד געווען, דער דברי חיים האט מקפיד געווען זיך

ניסט צו משתמש זיין מיט רבי אלעזר מקאזניץ, עפעס וואס ער האט נישט געהאט מיט א אנדערן תלמיד, אויך דערציילט מען, אז איינמאל האט דער הייליגער צדיק רבי אלעזר מקאזניץ געריפן דעם הייליגן דברי חיים "רבי", האט זיך דער דברי חיים מצאנז גאר שטארק צופייערט און אנגעכאפט זיינע פיאות און געזאגט בזה"ל, "וואס איר וועט מיר טיהן וועט איר מיר טיען, נאר רבי זאלט איר מיך נישט רופן".

איינמאל ווען דער צדיק רבי אלעזר זי"ע איז ארויס פון שטוב פונעם הייליגן דברי חיים זי"ע, האט זיך דער צאנזער רב אנגעריפן צו זיינע תלמידים, "דער איז א ערליכער איד", און ווען דער הייליגער דברי חיים האט געזען דעם וואונדער אויף די תלמידים, אז רבי אלעזר איז שוין דאן געווען א גרויסע רבי, און דער דברי חיים זאגט אזא פשוטע זאך אז ער איז "א ערליכער איד", האט דער דברי חיים געזאגט בזה"ל, "רבי'ס איז דא אסאך, אבער ערליכע אידן איז דא ווייניג", אויך האט זיך דער דברי חיים איינמאל אויס געדריקט אויפן צדיק רבי אלעזר בזה"ל, "איך ווייס נישט ווי א איד האט זיך געקענט אזוי הויך אויסארבעטן!".

נאכן פטירה פון זיין טאטן, איז דער הייליגע טאטע געקומען אין חלום צו זיין זון, האט רבי אלעזר געפרעגט פון זיין טאטע אין וועלכע צדיק ער זאל זיך מדבק זיין אלס תלמיד, האט אים די טאטע געוויזן א צורה פון א צדיק און געזאגט ער זאל זיך מדבק זיין אין דעם צדיק.

ווען רבי אלעזר האט פארציילט פאר די מאמע וועגן די חלום, און מסביר געווען די צורה פונעם צדיק וואס די טאטע האט אים געוויזן, האט די מאמע געזאגט, אז דאס איז הרה"ק רבי ישעיה מפשעדבורז זי"ע, און דאן איז דער צדיק רבי אלעזר געפארן קיין מפשעדבורז, און זיך מדבק געווען אין דעם הייליגן צדיק מפשעדבורז אלס זיין רבו מובהק, און ער איז דארט געזעצן בצלו פונעם צדיק פאר פיר יאר.

ווערט דערציילט, אז דער הייליגער צדיק רבי ישעיה מפשעדבורז זי"ע האט דעם תלמיד רבי אלעזר גאר שטארק מכבד געווען און געהאט צו אים א ספעציעלע חביבות און אים מקבל געווען מיט א געוואלדיגע שמחה, און רבי ישעי' זי"ע האט אמאל מיט זיין גרויס עניוות מסביר געווען פאר רבי אלעזר מקאזניץ, די טעם פארוואס זיין טאטע האט אים געשיקט צו אים קיין מפשעדבורז.

ווייל דער דרך העולם איז, אז ווען מען פלאנצט איין א נייע בוים, בינד מען דעם נייע צווייגל צו צי א אלטען צווייג, און ווען עס איז שוין גענוג רייף קען מען דאס אויף בינדן, דאס זעלבע איז מיט דיר, דיין טאטע האט דיך געשיקט צו מיר אז איך זאל זיין דעם צווייגל צו וועם די זאלסט דיך צו בינדן ביז די בוסט גרייט אליין צו פירן.

נאכן פטירה פון הרה"ק רבי ישעיה מפשעדבורז זי"ע האט ער זיך מדבק געווען אין הרה"ק רבי חיים מאיר יחיאל השרף ממאגלניצא זי"ע, וואס איז געווען דער ממלא מקום פון זיין הייליגן טאטן מקאזניץ זי"ע, ביי דעם שרף איז ער געבליבן ביז צו די פטירה ט"ו אייר בשנת תר"ט, ער איז געווען ביים שרף אלס תלמיד מובהק און געזעצן דארט ווי יעדער אנדערע חסיד, ער האט נישט געלאזט מען זאל מאכן פון אים קיין שום ווען אלס זון פון רבי משה'לע מקאזניץ זי"ע.

עס ווערט פארציילט, אז ווען די הייליגע שרף זי"ע פלעגט פארן צום מחותן הרה"ק מרוזין זי"ע, האט ער אויך מיט געברענגט א קוויטל מיט די נעמען פון זיינע חסידים צו בעטן א ברכה פאר זיי, און דאס ערשטע מאל נאך וואס רבי אלעזר מקאזניץ זי"ע האט מקבל מרות געווען פונעם שרף, און מען האט צו געלייגט זיין נאמען אויפן קוויטל, איז דער שרף געפארן צו זיין רבין הרה"ק מרוזין זי"ע, און ווען דער הייליגער ריזשענער איז אנגעקומען צום נאמען 'אלעזר בן חי' שרה' האט ער געפרעגט, "ווער איז דאס וואס זיין נאמען שיינט אזוי".

דער הייליגע שרף זי"ע האט געפירט די עדה פאר 22 יאר פון שנת תקפ"ח ביז ט"ו אייר בשנת תר"ט ווען ער איז נסתלק געווארן, שבת מקץ בשנת תר"ט איז רבי אלעזר געווען און מאגלינצא אויף שבת, און דער שרף זי"ע האט געליינט ביי קריאת התורה, און האט דעם תלמיד רבי אלעזר מכבד געווען מיט שלישי, ווען ער איז אנגעקומען צום פסוק (בראשית מ"א מ') "אַתָּה תִּהְיֶה עַל בֵּיתִי וְעַל פִּיךָ יִשַּׁק כָּל עַמִּי", האט דער שרף אויף געהויבן זיין קול און זייער געוויינט און איבער געזאגט די פסוק אפאר מאל, וואס פון דעם האבן די חסידים געזעהן א רמז, אז די שרף האט אים געשטעלט אלץ זיין ממלא מקום.

נאכן פטירה פונעם הייליגען שרף האט רבי אלעזר איבער גענומען אלס ממלא מקום אין קאזניץ, ער האט געפירט די עדה הקדושה פון קאזניץ 14 יאר פון תר"ט ביז כ"ו כסלו יום ב' דחנוכה בשנת תרכ"ד.

אויך האט ער זיך מדבק געווען אין אנדערע צדיקי הדור און פלעגט אפט פארן זיך מסתופף זיין בצלם ובתוכם.

גיסו הרה"ק רבי יוסף מדמבראווא זי"ע,
הרה"ק רבי יוסף ברוך דער גוטער איד מניישטאט זי"ע,
הרה"ק רבי שלמה בעל תפארת שלמה מראדומסק זי"ע,
הרה"ק רבי נתן דוד משידלובצא זי"ע.

ער האט איבער געלאזט זיין הייליגע ספר לקוטי מהר"א, על התורה.

ער האט איבער געלאזט נאך זיך איין זון הרה"ק רבי יחיאל יעקב זי"ע וואס איז געווען נאר 16 יאר אלט ביי די טאטן'ס הסתלקות, די חסידים האבן אים געוואלט אויף נעמען אלס ממלא מקום פונעם טאטן, אבער ער האט עס נישט געוואלט נעמען, איז ער געפארן צום הייליגען דברי חיים זי"ע און דער צאנזער רב זי"ע האט אים זייער מחזק געווען אז ער זאל עס יא נעמען, און ער איז טאקע געווארן רבי, אבער ליידער נישט פאר לאנג, ביום ל' סיון א' דר"ח תמוז בשנת תרכ"ו ווען ער איז אלט געווען 20 יאר, איז ער זיך געגאנגען טובלען ביים טייך און ער איז ל"ע דערטראנקען געווארן, און אויף זיין מצבה האט מען אויף געשריבן, "יחיד בדורו שטפו המים, קדוש מרחם לעבודת שמים".

חתנו הרה"ק רבי שמואל שמעלקא רוקח זי"ע, בן הרה"ק רבי משה מקארוב זי"ע, בן הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע,

חתנו הרה״ק רבי דוד יוסף זי״ע, בן הרה״ק רבי שלמה יחיאל זי״ע, בן הרה״ק רבי משה מלעלוב זי״ע,
חתנו הרה״ק רבי יעקב יוסף זי״ע, בן הרה״ק רבי מנחם מענדל מגלאגוב זי״ע, בן הרה״ק רבי אשר ישעי׳ מראפשיץ זי״ע,
חתנו הרה״ק רבי צמח זי״ע, בן הרה״ק רבי נתן דוד משידלובצא זי״ע.

א קורצע תקופה בעפאר זיין הסתלקות איז דער צדיק געווען גאר שוואך אז ער האט ממש נישט געקענט אריין נעמען גארנישט אין מויל, ער האט דאן געשריבן א בריוו צו הרה״ק רבי יצחק מנעשכיז זי״ע אז ער זאל אים אינזין האבן פאר א רפואה שלימה.

מען האט געהערט פונעם צדיק ווערטער בעפאר זיין הסתלקות, אז ער טראכט ביי זיך, אז אפשר צוליב זיינע נסיעות קיין צאנץ צום דברי חיים זי״ע וואס האט געהאט די נשמה פון דעם הייליגען קדושת לוי מברדיטשוב זי״ע, וואס האט געהאט די נשמה פון דעם תנא רבי עקיבא ע״ה, וואס זיינע תלמידים האבן נישט מעריך ימים געווען, און וועגן דעם איז ער קראנק, ער האט דאן גאר שטארק געוואלט פארן קיין נעשכיז אז אפשר וועט דער צדיק פויעלען פאר אים אריכת ימים, אבער ליידער האט ער דאס נישט געקענט באוויזן צוליב זיין שווערע מצב הבריות.

נסתלק לגנזי מרומים כ״ו כסלו בשנת תרכ״ב, ומנוחתו כבוד איז אינעם אהל פון זיין טאטן און זיידן אין שטאט קאזניץ.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

**ווי עס איז באקאנט**, אז דער צדיק רבי אלעזר מקאזניץ זי״ע, אפילו נאכדעם וואס ער האט איבער גענומען דאס רבנות אין קאזניץ, האט ער זיך נאך אלס געהאלטן גאר קליין און בכלל נישט פארשטאנען פארוואס די אלע צדיקים קומען זיך מסתופף זיין בצלו, און ווען הרה״ק רבי ישׂשכר דב הכהן טורנהיים בעל עבודת ישׂשכר מוולברוז זי״ע איז דאס ערשטע מאל געקומען קיין קאזניץ, און געוואלט מקבל מרות זיין פונעם צדיק רבי אלעזר מקאזניץ זי״ע, האט אים די רבי געזאגט מיט א פשטות, אז ער האט באמת געטראכט צו פאר צו אים אויף שבת קיין וואלברוז, איז פארוואס בוסטו געקומען צו מיר, האט דער צדיק רבי ישׂשכר דוב געזאגט, ״אסאך תפילות האב איך מתפלל געווען צום באשעפער אז איך זאל זוכה זיין צו זיין א תלמיד פונעם רבין״.

**א איד א גרויסע חסיד פונעם הייליגער צדיק רבי אלעזר מקאזניץ זי״ע** האט אמאל געפרעגט דעם רבין, פארוואס נאכן זיין ביים רבין פאר א שבת וואס איז געווען מלא וגדוש מיט קדושה וטהרה, אבער ווען ער קומט אן אהיים שפירט ער נישט אז ער האט עפעס מקבל געווען אויף אהיים צו נעמען אויך.

האט אים דער צדיק דאס מסביר געווען מיט א משל, א סוחר וואס פארט ארויס קויפן טייערע געשמאקע וויין, אויב וועט ער דאס אריין לייגען אין שמיציגע כלים, דאן וועט די וויין צו גרינד גיין, וויבאלד די כלים זענען דאך שמיציג, דאס זעלבע איז ווען מען קומט צום רבין, אויב וועט דער איד אוועק ווארפן אלע זיינע שלעכטע מידות, דאן איז מען א כלי צו מקבל זיין פונעם רבין טהרה און מידות טובות.

**הרה״ק רבי איציק׳ל מפשעווארסק זי״ע האט דערציילט** בשם א זקן א חסיד פונעם צדיק רבי אלעזר מקאזניץ זי״ע, וואס ער האט געזאגט אז ער האט דאס געהערט פונעם צדיק איינמאל שבת קודש, ווי ער רימט אויס דעם קוגל וואס די רעבעצין האט געמאכט אז דאס איז גאר גוט, ווען די רעבעצין האט געפרעגט פארוואס ער האט נישט ענדערשט אינזין אז די קינדער זאלן מצליח זיין אין זייער לערנען, האט דער צדיק געזאגט בזה״ל, ״מען ברויך מער מתפלל זיין אז מען זאל מצליח זיין מיטן קוגל, ווי מתפלל זיין אויף די הצלחה פון די קינדער״, ובסוד קדושים מי יעמוד.

**הרה״ק רבי שלמה השני מבאבוב זי״ע** האט אמאל גערעדט איבער די געוואלדיגע זהירות פונעם צדיק וקדוש רבי אלעזר מקאזניץ זי״ע, האט דער הייליגער באבובער רב זי״ע דערציילט, אז דער צדיק וקדוש רבי אלעזר מקאזניץ זי״ע פלעגט ארום גיין מיט א שמאטע אויפן קאפ ארום געבינדן און דאס האט פארדעקט זיינע אויערן אויך, און ער האט כסדר געזאגט, אז ער האט דאס געטון, צוליב וואס ער האט יסורים אויף זיינע אויערן, און צוליב דעם ווען איינער האט געוואלט רעדן צום צדיק האט מען געברויכט רעדן גאר הויעך און אפילו שרייען.

איינמאל ווען דער צדיק רבי אלעזר איז געווען אין צאנז ביים הייליגען דברי חיים זי״ע, האט דער הייליגער צאנזער רב זי״ע געזאגט פאר זיינע נאנטע, באמת האט דער צדיק רבי אלעזר בכלל נישט קיין יסורים אויף זיינע אויערן, נאר וויבאלד דער צדיק איז זיין גאנץ לעבן געווען גאר שטארק נזהר פון הערן דברים בטלים אדער לשון הרע, דערפאר האט ער ארום געבינדן זיינע אויערן, ווייל וויבאלד ווען א מענטש רעדט לשון הרע אדער עפעס וואס איז נישט אויס געהאלטן, רעדט דער מענטש דווקא שטיל, און אזוי מיטן צוגעבינדענעם אויער האט ער די זאכן נישט געקענט הערן.

**הרה״ח ר׳ יוסף ברוך גליקמאן ע״ה** וואס איז געווען א אייניקל פונעם צדיק וקדוש רבי יהושע העשיל מחנטשין זי״ע האט דערציילט, אז ער האט געהערט פון זיין זיידן מחנטשין זי״ע אדער גאר פונעם צדיק רבי שמעון מזעליחוב זי״ע, אז דער הייליגער צאנזער רב זי״ע האט געזאגט אויפן צדיק רבי אלעזר מקאזניץ זי״ע בזה״ל, ״איך ווייס נישט ווי א איד האט זיך געקענט אזוי הויעך אויסארבעטן״.

**איינמאל ווען דער צדיק מקאזניץ** איז געווען אין צאנז אויף א שבת, האט דער הייליגער צאנזער רב זי״ע זיך אויס גערדריקט בזה״ל, ״עס איז דא אסאך גוטע אידן, אבער אזא גוטע איד ווי רבי אלעזר מקאזניץ איז נישט דא נאך איינער, ער איז מדקדק צו עסן מלוה מלכה יעדע וואך מוצאי שבת קודש״, ווען דער זוהן רבי ברוך׳ל מגארליץ זי״ע האט דאס געהערט, איז ער געגאנגען און צו געגרייט אליין מלוה מלכה פארן צדיק רבי אלעזר מקאזניץ זי״ע.

**אין ירושלים האט געוואוינט א איד הרה״ח ר׳ יוסף הירש מדאמבעס זי״ע**, וואס האט זיך געהאט געצויגן פון גליציה קיין ארץ ישראל, בשנת תרנ״ח איז ער זייער קראנק געווארן, דאן איז

געווען א גרויסע אידישע דאקטאר אין ארץ ישראל וואס האט געהייסן דר' וואלאך ז"ל, אבער דער דאקטאר איז נאך דאן געווען גאר יונג, און ווען דער ר' יוסף איז צו אים געקומען זיך אינטער זיכן, האט ער געריפן נאך אפאר גרויסע דאקטורים וואס זאלן קומען אינטער זיכן דעם חולה, און איינע פון די דאקטורים איז געווען א גרויסע פראפעסער.

ווען דער גרויסער פראפעסער האט אינטערזיכט דעם ר' יוסף, איז ער ממש נשתומם געווארן און געריפן די אנדערע דאקטורים אז זיי זאלן דאס זעהן, ער האט זיי געוויזן דעם לינגען פון ר' יוסף, און אלע האבן זיך ממש געוואונדערט ווי אזוי א מענטש קען לעבן מיט אזא לינגען, אבער ווען ר' יוסף האט געהערט זייער וואונדער האט ער זיי געזאגט.

אז אויף די לינגען זאלן זיי בכלל נישט קוקען, נאר זיי זאלן אים העלפן מיט די אנדערע מחלה, ווען דער דאקטאר האט געזען ווי פארזיכערט ר' יוסף איז מיט זיינע לינגען, האט ער אים געגעבן די רפואה פאר דעם אנדערן מחלה און ער איז טאקע געזונט געווארן און נאך געלעבט ביז שנת תרס"ד.

שפעטער האט ר' יוסף ז"ל דערציילט פאר זיין משפחה די מעשה, ווען איך בין געווען א יונגערמאן האב איך רח"ל באקומען א שרעקליכע מחלה אויף די לינגען, איך בין דאן געפארן קיין לובלין צו באזיכן די גרויסע דאקטורים און זעהן צו באקומען א רפואה, איך בין דאן איין געשטאנען אין שטוב פון הגה"ק רבי עזריאל הורוויץ (דער אייזענער קאפ) אב"ד לובלין זי"ע וואס איז געווען באוויסט אלס א גרויסע בעל מכניס אורח.

דער אייזענער קאפ זי"ע מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל וואס דער גאון האט געהאט און וועלענדיג העלפן א אנדערן איד, איז דער גאון מיט מיר געקומען צו די דאקטוירים, וויבאלד איך האב נישט געקענט דעם שפראך, דער גרויסער דאקטאר האט מיר געגעבן א ספעציעלע מעדעצין און מיר אן געזאגט, אז איך זאל נישט עסן קיין פעטע עסן און נישט טרינקען קיין וויין, ווייל דאס איז ממש א סכנה פאר מיר.

איך האב באמת נישט געוויסט ווי שרעקליך מיין מצב איז און וואסערע סכנה עס איז פאר מיר צו עסן פעטע עסן אדער טרינקען וויין, איין ערב שבת ווען מען האט זיך געזעצט עסן אין די אכסניה אין לובלין, איז דער מכניס אורח דער אייזענער קאפ אריין געקומען און זאגט, "יוסף הירש פראוועט זיך סעודה'לאך, און ער ווייסט גאר נישט זיין מצב", דאן האב איך געכאפט די ערנסקייט פון מיין מצב.

דאן איז געווען מפורסם אין גאנץ אירופה דעם נאמען פונעם צדיק וקדוש הרה"ק רבי אלעזר מקאזניץ זי"ע, און מען האט כסדר דערציילט מופתים פון דעם צדיק, האב איך מיך ארויס געלאזט קיין קאזניץ זיך מזכיר זיין ביים צדיק אז איך זאל האבן א רפואה שלימה בקרוב.

שבת קודש אינעם זומער האט דער צדיק מקאזניץ געהאט א מנהג, אז ער האט געדאווענט קבלת שבת גאר פרי און געמאכט קידוש מבעוד יום, און נאכן דאווענען בין איך אריין צום שלחן הטהור פונעם צדיק מקאזניץ זי"ע, דער צדיק האט געהאלטן אינמיטן מאכן קידוש, און ווען ער האט געענדיגט קידוש האט ער זיך אויס געדרייט צו מיר, און אן דעם וואס איך זאל אפילו זיך מזכיר זיין האט דער צדיק געזאגט, "יוסף הירש, אה די דאקטוירים זאגן אז די טארסט נישט טרינקען קיין וויין, נעם דעם בעכער וויין און טרינק", וויסענדיג אז דא רעדט מען פון א צדיק הדור האב איך גלייך גענומען דעם כוס און געטרינקען די וויין.

דערנאך בין איך ארויס און געדאווענט קבלת שבת, דערנאך בין איך צוריק אריין צום טיש פונעם רבין, מען האט דאן געהאלטן ביי די פיש, דער צדיק האט מיר געגעבן צו עסן די פיש און דערנאך די פלייש און מיר דאן געזאגט, "אה די דאקטוירים זאגן אז די טארסט נישט עסן קיין פיש, פלייש אין דאס גלייכען, נעם עס, עס וועט זיין צו רפואה".

דאס זעלבע האט זיך איבער גע'חזר'ט שבת אינדערפרי ווען דער צדיק האט מיר געגעבן פון אלעס צו עסן און איבער געזאגט דעם פזמון יעדעס מאל, זונטאג ווען איך בין געגאנגען זיך געזעגענען פונעם רבין האט ער מיר געזאגט, "פאר געזונטערהייט, די וועסט זיין געזונד און האבן אריכות ימים", דערציילט ר' יוסף פאר זיין משפחה, זייט דעמאלט האב איך מער נישט געליטן אויפן לינגען מיין גאנץ לעבן, און דערפאר בין איך אזוי זיכער ביי מיר אז די מחלה וואס איך האב יעצט, האט גארנישט צו טון מיט מיינע לינגען.

**יארצייט מיטוואך כ"ז כסלו ג' דחנוכה**

**הרה"ק רבי חיים ב"ר שלמה זי"ע, (טירער),**
**בעל באר מים חיים, מטשערנאוויץ,**

ער איז געבוירן אין שטאט בוצ'אץ, בשנת תק"כ, דאס זעלבע יאר וואס דער בעש"ט הקדוש זי"ע איז נפטר געווארן.

צו זיין טאטען הרה"ק רבי שלמה טירער מבאטישאן זי"ע.

ער איז געווען א גאון אדיר און א איש אלקים קדוש ונורא מאוד און א יחיד בדורו, ער איז געווען א בקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר און א מתמיד עצום בתורה, דער הייליגער באר מים חיים זי"ע האט זיין גאנץ לעבן מקדיש געווען פאר תורה און עבודת השם, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום, ער האט באלאכטען די וועלט מיט זיינע הייליגע חיבורים, ער האט מקרב געווען הונדערטער פארפאלענע נשמות, און זיי מקרב געווען לאביהם שבשמים, ורבים השיב מעון, ער איז געווען מפורסם מיט זיינע געוואלדיגע מדרגות נשגבים מיטן שבת קודש, צדיקים האבן געזאגט, אז דער הייליגער באר מים חיים איז געווען א קאפ העכער ביום השבת, דעריבער פלעגט מען אים ריפן 'איש השבת'.

אין ספר ארץ ישראל של מעלה ווערט געברענגט די מעשה, אז דער טאטע פונעם הייליגען באר מים חיים הרה"ק רבי שלמה זי"ע איז געווען באוויסט אלס א חכם מופלג און א גרויסע ירא שמים און א בעל מסירת נפש גבוה, דער טאטע האט געצויגן זיין פרנסה פון אן ארענדא ווי ער האט פארקויפט בראנפען, איין יאר ערב פסח נאכן זמן שריפת חמץ האט זיך דער צדיק רבי שלמה געכאפט, אז ער האט פארגעסן צו פארקויפן די חמץ פאר א גוי.

דער טאטע האט נישט געטראכט קיין צוויי, נאר ער האט גענומען צוויי וועגאנען און אנגעלאדנט דעם גאנצן בראנפען וואס ער האט פארמאגט, וואס דאס האט באטראפן גאר א גרויסע סכום געלט, און ער האט גענומען דאס גאנצע בראנפען און אריין געגאסן אינעם טייך פון שטאט, כדי מבאר צו זיין דעם חמץ להלכה, און דאן איז דער צדיק אהיים שמח וטוב לב, אז ער האט געהאט די זכי, צו מקיים זיין דעם הלכה פון מבאר זיין דעם חמץ אזוי ווי דער גרויסער באשעפער האט געהייסן אין די תורה.

פארשטייט זיך אז די מענטשן די גוים פון שטאט האבן געמיינט אז דער רבי שלמה איז ליידער אראפ פון זינען, און דערפאר האט ער אויס געגאסן דעם גאנצן בראנפען אין טייך, און ווען דער פריץ פון שטאט האט דאס געהערט, האט ער ארויס געטריבן דעם רבי שלמה פון שטאט,

און דאן איז ער געבליבן אן קיין פרנסה, אבער דער צדיק האט זיך מחזק געווען און בכלל נישט חרטה געהאט אויף וואס ער האט געטון, און זיך פארלאזט אויפן גרויסן באשעפער.

אביסל שפעטער איז געקומען די ידועה צום טאטן, אז זיין ברודער וואס האט געוואוינט אין גאר א ווייטע שטאט, איז ליידער אוועק אן קיין קינדער, און דאס ווייב איז געבליבן א יבמה וואס דער איינציגסטער וואס קען איר באפרייען אז זי זאל קענען חתונה האבן, איז דער רבי שלמה, ער האט נישט געטראכט קיין צווי נאר דורך געמאכט דעם שווערן וועג ביז יענעם שטאט אפילו נישט האבענדיג קיין פרוטה צו זיין נשמה, נאר כדי צו מקיים זיין דעם מצות ייבום, און אנקומענדיג צו יענעם שטאט האט די ווייב פונעם ברודער געוואלט באצאלן פאר רבי שלמה די הוצאות הדרך, אבער דער צדיק האט זיך געפרייט צו מקיים זיין דעם מצוה, און בשום אופן נישט געוואלט פאר דעם נעמען קיין געלט.

בזכות די צוויי גרויסע מצוות וואס דער צדיק האט מקיים געווען מיט א מסירת נפש, איז געווארן א גרויסע רעש אין הימל און עס האט געברענגט א גרויסע נחת רוח אין הימל, דערפאר האט מען געשיקט אליהו הנביא ז"ל וואס האט מבשר געווען פאר רבי שלמה וואס איז שוין דאן געווען אויף זיינע עלטערע יארן, אז ער וועט בקרוב אראפ ברענגען א הייליגע נשמה אויף די וועלט, וואס וועט באלייכטן די אויגן פון כלל ישראל מיט זיין תורה און קדושה, און דער קינד איז געווען דער הייליגער באר מים חיים זי"ע.

דער הייליגער באר מים חיים זי"ע איז געווען א תלמיד פון הרה"ק רבי דוב בער המגיד הקדוש ממזריטש זי"ע, און אויך א תלמיד פון הרה"ק רבי משולם פייבוש העללער בעל יושר דברי אמת זי"ע, און א תלמיד מובהק פון הרה"ק רבי יחיאל מיכל המגיד מזלאטשוב זי"ע, דער צדיק דער הייליגער באר מים חיים זי"ע האט געלערנט בחברותא מיט הרה"ק רבי אברהם דוד בעל דעת קדושים מבוטששט זי"ע.

גאנץ אנפאנג האט ער געדינט אלס רב אין די שטעט קאזיווע, קריפיטש, און בשנת תקמ"ט האט מען אים אויף גענומען אלס רב אין דעם גרויסן שטאט טשערנאוויץ, דארט איז ער געווען פאר 18 יאר, ער האט דאן גאר אסאך אויף געטון פאר די אידן פון שטאט, און ער האט דארט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים גאונים וגדולים בתורה.

בשנת תקס"ז האט זיך דער צדיק ארויס געלאזט אויפן וועג ארויף צו פארן קיין ארץ ישראל, אויפן וועג האט ער זיך אפ געשטעלט אין אפאר שטעט פאר א שטיק צייט, דאן האט ער געדינט אלס רב פאר די קורצע צייט אין די שטעט, באטשאן, מאהלוב, קעשינוב, וואס זענען געווען אין אוקריינע.

בשנת תקע"ג איז דער צדיק וקדוש אנגעקומען קיין ארץ ישראל, און ער האט זיך באזעצט אין עיר הקודש צפת, דארט האבן די גדולים און צדיקים פון צפת דעם צדיק גאר שטארק מקרב געווען, מען האט אים אפ געגעבן גרויס כבוד און אסאך אידן האבן זיך דאן מדבק געווען אין דעם צדיק וקדוש.

דער הייליגער באר מים חיים זי"ע איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע עבודה פון מקרב זיין טויזענטער אידן וואס זענען ליידער געווען פארווארפן, ער האט געהאט א גאר גרויסע כח וואס ער האט מיט דעם מעורר געווען אידישע קינדער צו תשובה,

אידן וואס זענען נאר געשטאנען אין זיין געגענווארט זענען שוין נתעורר געווארן צו תשובה, ורבים השיב מעון, ער איז געווען

א קדוש וטהור און געדינט דעם באשעפער מיט א געוואלדיגע מסירת נפש און געווען אפ געשייט פונעם עולם הזה און נאר עוסק געווען בתורה ועבודת השם.

הרה"ק מסקולען זי"ע האט געזאגט אמאל פאר א אייניקל פונעם הייליגען באר מים חיים, פארוואס מען רופט דעם זיידען באר מים חיים און נישט טשערנאוויצער רב אדער אויף איינע פון די אנדערע ספרים זיינע, ווייל זיין יארצייט איז חנוכה, ווען ס'איז דער גמר חותם חיים, בעהט מען, אז בזכות דעם צדיק זאל נשפע ווערן פון דעם ריכטיגען באר מים חיים, און פון דעם קוואל פון רחמים זאל נשפע ווערן חיים פאר די גאנצע וועלט און פאר אלע אידן.

דער צדיק האט מחבר געווען ספרים מפורסמים בתורת החסידות, מלאים זיו ומפיקים נוגה, ובתוכם.

סידורו של שבת, על תוקף קדושת שבת קודש,
באר מים חיים, על התורה,
שער התפלה, סדר עבודת התפילה, וגודל מעלות התפילה,
ספר ארץ החיים, חידושיו.

און זיין ספר שער התפלה איז ער זייער מעריך און די גרויסע כח וואס די הייליגער באשעפער האט אונז געגעבן דורך תפלה, אז א איד קען שופח שיח זיין דורך תפלה, ווי די מדרש זאגט, אז דער רבוש"ע זאגט פאר א איד, "בכו והתפללו לפני ואני מקבל".

און דער צדיק שרייבט דארט, אז תפלה איז אזוי ווי א מעדעצין וואס מען גיבט פאר א חולה אז ער זאל ח"ו נישט איינשלאפן פאר לאנג, די זעלבע איז תפלה, אז דורכן דאווענען גיבט דאס כח פאר א איד זאל נישט ח"ו ווערן פארשלאפען און דעם שווערן גלות.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הרה"ק רבי שלמה זי"ע,
הרה"ק רבי יעקב יוסף זי"ע, חתנו של הרה"ק רבי יצחק מקאליס זי"ע, בן הרה"ק רבי משה חיים אפרים בעל דגל מחנה אפרים זי"ע,
הרה"ק רבי קלונימוס קלמן זי"ע,
הרה"ק רבי ישראל זי"ע,
חתנו הרה"ק רבי יצחק אייזיק מבוטושאן זי"ע,
חתנו הרה"ק רבי שמואל שמעלקא מראמאן זי"ע,
חתנו הרה"ק רבי אהרן מבוטשאן זי"ע,
חתנו הרה"ק רבי משה יהודה לייב מווישניצא זי"ע,
חתנו הרה"ק רבי פייבוש אייזבערג מאוזריאן זי"ע,

נסתלק לגנזי מרומים ז"ך כסלו בשנת תקע"ח ג' דחנוכה, ומנוחתו כבוד איז אינעם ביה"ח הישן בצפת און די מערת הבאר מים חיים, סמוך ונראה צום אר"י הקדוש זי"ע.

אויפן מצבה שטייט "פ"נ הרב חיים בן החסיד ר' שלמה מבאטישאן נלב"ע ביום כ"ז כסלו תקע"ח חיבוריו הוא סידורו של שבת שער התפלה באר מים חיים ארץ החיים".

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**גרויסע שבחים וואס צדיקים האבן געזאגט אויפן ספר באר מים חיים,**

**הרה"ק רבי ישראל מרוז'ין זי"ע** האט זייער מחשיב געווען דעם ספר און געזאגט בזה"ל, "הספר הזה הוא יחיד במינו באופן כתיבתו שהוא כדבר איש אל רעהו", און דער הייליגער צדיק מרוזין זי"ע האט דאס מסביר געווען, ווייל דער הייליגער באר מים חיים זי"ע איז געזעצן אין ביהמ"ד יעדן ליל שישי ביים אפענעם ארון קודש, און ער האט געזאגט די דברי התעוררות, און זיין סופר רבי צבי גרשון זי"ע האט דאס אפ געשריבן, און דערפאר שפירט מען ווען מען לערנט דעם ספר, כאילו דער צדיק רעדט ממש צו דעם וואס לערנט דאס.

**הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע** האט געזאגט אויפן ספר באר מים חיים בזה"ל, "ער מאכט פלאקערען דאס הארץ צום לעבעדיגען באשעפער".

**הרה"ק רבי נפתלי ערליך מדעלעטין זי"ע** האט געהאט א מנהג נפלא, אז ער האט יעדן שבת פארן קידוש מאכן, דורך געלערנט די גאנצע באר מים חיים אויף די וואך, אפילו עס איז אסאך מאל אויס געקומען אז די סעודה האט זיך אנגעהויבן גאר שפעט לכבוד דעם.

**אין ספר שיח זקנים ווערט געברענגט א מעשה**, עס איז געווען א רבי וואס האט מקפיד געווען צו לערנען דעם גאנצן באר מים חיים יעדע וואך שבת בעפארן מאכן קידוש, איין וואך איז איינע פון זיינע קינדער געווען גאר שטארק קראנק, און דער רבי האט נישט געהאט קיין קאפ צו קענען לערנען דעם ספר, אבער ער האט דורך געזאגט דעם גאנצן ספר אויף יענע וואך אפילו נישט קענענדיג אינזין האבן וואס ער זאגט, לפלא אזוי ווי ער האט געענדיגט דעם וואכעדיגע סדרה אין ספר באר מים חיים, איז דאס קינד געזונט געווארן.

**אין די ישיבה פון הרה"ק רבי חיים מאיר בעל אמרי חיים מויזניץ זי"ע** איז געווען א סדר הלימוד יעדן ערב שבת בעפאר קבלת שבת, א שיעור קבוע אינעם הייליגען ספר באר מים חיים, דארט אין ישיבה איז געווען א תלמיד וואס איז געווען א אייניקל פונעם באר מים חיים זי"ע.

איין וואך בשעת'ן מעיין זיין אינעם ספר באר מים חיים, איז דער בחור איין געשלאפן, לפלא זעט ער אין חלום א איד א זקן, און דער איד זאגט אים, אז זיין נאמען איז חיים, און ער האט מחבר געווען דעם ספר באר מים חיים, דער בחור האט זיך דערוועקט און עס איז אים געווען א פלא מאוד, אבער ער האט קיינעם דאס נישט דערציילט.

שפעטער נאכן דאווענען ווען יעדער איז דורך זאגן גוט שבת פארן הייליגען אמרי חיים זי"ע, ווען דער בחור איז דורך דעם צדיק, האט זיך דער צדיק צו געבויגען און זאגט דעם בחור בזה"ל, "אויב לערנט מען דעם ספר באר מים חיים איז מען זוכה צו וואונדערליכע און גוטע חזיונות".

**מעשיות**

**ווי באוויסט האט דער הייליגער באר מים חיים זי"ע** געהאט א אנדערע צורה שבת קודש, צוליב וואס דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן גאר שטארק געברענט אין קדושת שבת קודש, ווען דער צדיק איז ארויף געקומען קיין ארץ ישראל אין זיך באזעצט אין

שטאט צפת, איז ער די ערשטע שטיק צייט איין געשטאנען ביי א איד אין שטאט וואס האט געהאט איין שטוב ספעציעל פאר הכנסת אורחים.

דעם ערשטען ערב שבת קודש, ווען דער צדיק דער הייליגער באר מים חיים זי"ע איז צוריק געקומען פון די מקו', האט דער איד דער בעל מכנס אורח נישט דערקענט דעם צדיק און געזאגט, איך האב שוין דעם שטוב ארויסגעגעבן פאר א אנדערן אורח, אזוי אנדערש האט דער צדיק אויס געזען נאך די מקו' ווען ער האט שוין געהאט דעם קדושת שבת קודש.

**אויך האט א עלטערע איד פון שטאט צפת דערציילט**, אז איין טאג אינדערוואכן ביי א ברית, איז דער הייליגער באר מים חיים זי"ע געגאנגען מיט בגדי שבת, זאגט דער איד, אז עס האט זיך נאכגעשלעפט די בגד אויפן פלאר, וויבאלד אינדערוואכן איז דאס געווען צו לאנג פארן צדיק, ווייל שבת קודש איז ער געווען מיט א קאפ העכער ווי א גאנצע וואך.

**ווען דער הייליגער באר מים חיים זי"ע** איז גאנץ אנפאנג געווארן רב אין א שטאט אין רומניה, איז דארט געווען אידן וואס האבן באמת נישט געוויסט פון אידישקייט, די אידן פלעגן נעבעך האבן א מנהג, אז יעדן שבת קודש איז מען זיך צוזאמען געקומען, מען איז געטאנצן און זיך געפרייט, אבער ליידער איז דאס פאר געקומען מיט א תערובות מענער און פרויען.

אבער ווען דער צדיק דער הייליגער באר מים חיים זי"ע איז אנגעקומען דארט אין שטאט, האט ער דאס מבטל געווען, ער האט אבער יעדע וואך שבת ביינאכט נאך די סעודה צוזאמען גענומען די אידן פון שטאט, און מען האט זיך געפרייט צוזאמען בשבת אחים מיטן הייליגען שבת קודש, איז געווען איינע פון די אידן פון שטאט וואס האט באמת נישט געוויסט וואס דער חטא פון תערובות איז, האט ער זיך אפגערעדט פארן רבין, אז ער האט דא מבטל געווען זייער תענוג שבת.

האט דער צדיק מסביר געווען פאר די אידן דעם קדושת שבת קודש, און ער האט פאר דעם איד מסביר געווען דעם גרויסן חטא פון תערובות פון מענער און פרויען, און דאן האט ער געגעבן א ברכה פארן שטאט, אז ווילאנג זיי וועלן זיך האלטן צו דעם, וועט אין דעם שטאט נישט אויס ברעכן קיין פייער.

פאר 70 יאר האבן די אידן איינגעהאלטן דעם מנהג וואס דער צדיק האט איינגעפירט, און לפלא האט אין דעם שטאט קיינמאל נישט אויס געבראכן קיין פייער, אבער ליידער נאך 70 יאר האבן נישט ערליכע אידן צוריק אנגעהויבן טון דעם מנהג פון תערובות אינעם שטאט, נישט לאנג נאכדעם האט אויס געבראכן א געפערליכע שריפה און די גאנצע שטאט איז ליידער פארברענט געווארן.

**עס איז ספעציעל מפורסם ביי חסידים** די געוואלדיגע יניקה וואס דער הייליגער באר מים חיים זי"ע האט געהאט פון קדושת השבת.

ווען דער באר מים חיים איז אנגעקומען דאס ערשטע מאל אלס פופצן יעריגער בחור צו זיין גרויסן רבי'ן הרה"ק רבי יחיאל מיכל המגיד מזלוטשוב זי"ע, האט אים דער מגיד באלד געפרעגט, איך הער זאגן אויף דיר אז דו ביסט א למדן, לאמיר דיר אויספרובירן און פרעגט אים, עס שטייט אין פסוק (שמות ל"א י"ג) "אַךְ אֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ", זאגן חז"ל אין מכילתא, אז דער פסוק פעלט אויס, טראץ וואס ס'שטייט שוין דער פסוק (שמות כ' ט') "לֹא תַעֲשֶׂה כָל מְלָאכָה".

ווייל פון יענעם פסוק וואלט איך געוואוסט אז מען טאר נישט טאן אין שבת נאר אזעלכע זאכן וואס זענען א מלאכה, אבער זאכן וואס איז אסור אלס שבות וואלט איך נישט געוואוסט, דעריבער שטייט 'את שבתותי' אז אויך א שבות איז אסור, ביז דא שטייט אין מכילתא, יעצט האט דער מגיד אים געפרעגט, וויאזוי לערנט מען ארויס פון 'את שבתותי' אז אויך א שבות איז אסור מן התורה.

דער באר מים חיים האט דורכגעפירט די הענט אויף זיין הייליגן שטערן, געטראכט אביסל און באלד געענטפערט, דער איסור פון שבות איז נישט צוליב א מלאכה ממש, ווייל א פאקטישע מלאכה האט שוין די תורה גע'אסר'ט, דער איסור פון שבות איז נאר צוליבן דיבור, אזוי ווי "אמירה לעכו"ם", דער גוי זאל טאן די מלאכה צוליב א איד,

און דאס האט דער אויבערשטער געזאגט צו די אידן, "את שבתותי תשמורו", איר זאלט אפהיטן מיין שבת, וועלכער שבת איז מיוחד צו הקב"ה ענדערש ווי צו מענטשן, ס'זאל ווערן אנגערופן דעם אויבערשטנ'ס שבת, ברויך מען גיין צום ערשטן שבת ווען השי"ת האט גערוט, און פון דארט וועלן מיר זען.

זעהט מען אין די תורה, אז נאכן באשאפן די וועלט אין זעקס טעג, האט דער אויבערשטער גערוט דעם זיבעטן טאג "מכל מלאכתו", איז וואספארא מלאכה האט דער אויבערשטער געטאן אין די פריערדיגע זעקס טעג, האט אונז שוין דוד המלך מגלה געווען אין ספר תהילים (תהלים ל"ג ו') "בִּדְבַר ד' שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ", פון וואו מען לערנט ארויס אז די מלאכה פונעם אויבערשטן איז געווען בדיבור, און ווי חכמינו ז"ל זאגן אונז "בעשרה מאמרות נברא העולם".

איז ווען הקב"ה האט געזאגט צו אידן 'את "שבתותי" תשמורו', מיינט דאס מיין שבת אויף וואס איך האב גערוט, וואס דער אויבערשטער כביכול האט גערוט פון דיבורים, יעצט פארשטייען מיר שוין וויאזוי חז"ל לערנען ארויס פונעם פסוק את שבתותי דעם איסור שבות, וואס איז מרמז נאר אויף דיבורים ווי אמירה לעכו"ם, און דאס איז דער פשט פון די מכילתא, ווייל ס'איז בפירוש מן התורה.

דער קלוגער ענטפער האט געטראפן געוואלדיג חן אין די אויגן פונעם מגיד, און דער הייליגער מגיד מזלאטשוב זי"ע האט זיך באלד אויף געשטעלט, אנגעוויזן אויפ'ן באר מים חיים און געזאגט פאר די ארומיגע, "ער וועט נאך יונק זיין פון קדושת שבת און פון אירע תענוגים".

**עס איז געווען א איד וואס איז געווען גאר נאנט** מיטן הייליגען באר מים חיים זי"ע, האט אים דער צדיק אמאל געזאגט, אז ח"ו ווען ער איז אין א עת צרה, זאל ער מצייר זיין דעם צורה פונעם באר מים חיים און ער וועט געהאלפן ווערן.

א שטיק צייט שפעטער, ווען דער הייליגער באר מים חיים זי"ע האט שוין נישט געלעבט, האט מען איינמאל בטעות אן געגאסען דעם איד אין מקו' מיט ברענענדיגע וואסער, און דער איד איז געפאלן אין גע'חלש'ט, אבער נאך א שטיק צייט האט זיך דער איד אויף געקוועקט, און מען האט געזען אז עס איז אים שוין בעסער געווארן און אפילו די ברי איז שוין בעסער, און דער איד האט דערציילט, אז בשעת ווען ער איז אוועק געפאלן אין חלשות, האט ער גלייך געזען דעם רבין דער הייליגער באר מים חיים, און דער הייליגער באר מים חיים זי"ע האט אים אנגעשמירט מיט א אויל, און פון דעם איז ער בעסער געווארן.

**אינעם ספר ארץ החיים ווערט געברענגט א מעשה**, אז עס איז געווען א איד יארן נאך די פטירה פונעם הייליגען באר מים חיים זי"ע, וואס האט יעדע וואך דורך געלערנט דעם גאנצן באר מים חיים אויף די סדרה, דער איד האט ליידער נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, איין וואך לערנענדיג דעם הייליגען ספר באר מים חיים, איז דער איד איינגעשלאפן און ער זעהט נשמות מעלמא דקשוט.

דער איד האט זיי געפרעגט, צו זיי קענען אים העלפן אז ער זאל שוין זוכה זיין צו זש"ק, האבן זיי אים געזאגט, אז ער זאל גיין צום קבר פון דעם באר מים חיים, און דארט וועט ער געהאלפן ווערן, דער איד האט געזאגט, אז ער איז דאך גאר ווייט פונעם קבר, האט איינע פון די נשמות אים גענומען צום קבר פונעם באר מים חיים אין שטאט צפת.

דער איד איז אריין אינעם מערה, און ער זעהט דארט ווי א זקן זיצט און לערנט דעם הייליגען ספר באר מים חיים פרשת תזריע, דער איד דער זקן פרעגט אים וואס ער וויל, האט דער איד געזאגט, אז ער וויל זוכה זיין צו קינדער, האט אים דער זקן געפרעגט, אויב ער ווייסט וויפיל טאג מען ברויך ציילן פאר די ימי טומאה וטהרה ווען מען האט א מיידל, האט דער איד געענטפערט "אכציג טאג", האט דער זקן געהייסן, אז ער זאל געבן פאר צדקה 160 רובל לטובת נשמתו פונעם באר מים חיים און ער וועט געהאלפן ווערן.

ווען דער איד האט זיך אויף געוועקט האט ער גלייך געשיקט 160 רובל קיין ארץ ישראל, פאר זיינס א ברודער וואס האט דארט געוואוינט, און געהייסן ער זאל דאס פארטיילן פאר צדקה דארט אין צפת מקום מנוחתו פונעם באר מים חיים זי"ע, צום יאר איז ביי דעם איד געבוירן געווארן א צווילינג מיידלעך, בזכות וואס ער האט געלערנט דעם הייליגען ספר באר מים חיים יעדע וואך.

**ס'איז געווען עמיצער אין טשערנאוויץ מיטן נאמען ר' שמעון וועלט**, וועלכער פלעגט קומען יעדע וואך דאנערשטאג צום באר מים חיים'ס שטוב, און זיך נאכפרעגן צי ער האט גענוג אויף הוצאות צרכי שבת, אויב דער באר מים חיים האט געזאגט אז ער האט נישט, האט דער ר' שמעון ארויסגענומען פון זיין טייסטער א גרויסע סומע געלט, און עס אהין געגעבן פאר דעם הייליגען באר מים חיים.

איינמאל ווען ר' שמעון איז געקומען ווי זיין שטייגער און געפרעגט דעם באר מים חיים צי ער האט אויף הוצאות שבת, האט ער אים געענטפערט, אז ער האט נישט אפילו איין איינציגע פרוטה, ר' שמעון איז יענסמאל שווער געווען צו געבן פון זיין טאש, ווייל ער האט געהאט בלויז פינף רייניש, וואס ער האט באמת געהאט אנגעגרייט פאר זיך אויף הוצאות שבת, וואס האט קוים געקלעקט פאר זיך און פאר זיין משפחה בצמצום.

ער האט דעריבער נישט געוואוסט וויאזוי זיך אן עצה צו געבן, ער האט אבער תיכף באשלאסן אז ער וועט פראווען א וואכעדיגן שבת, אבי דער הייליגער באר מים חיים זאל האבן אויף הוצאות שבת, און ער האט אהין געגעבן די פינף רייניש.

דער הייליגער באר מים חיים וועלכער האט גלייך מרגיש געווען אין די געוואלדיגע מעשה צדקה וואס דער איד האט יעצט געטון, האט דער הייליגער באר מים חיים זי"ע געבענטשט דעם ר' שמעון מיט גרויס עשירות, וואס ס'איז טאקע מקוים געווארן, דער רבי שמעון האט גאר שטארק מצליח געווען אין זיינע געשעפטן, און צום סוף האט ער אויפגעבויט א גרויסע שול וואס איז גערופן געווארן "רבי חיים טשערנאוויצערס שוהל".

**א איד איז איינמאל געקומען צום הייליגען באר מים חיים זי"ע** און זיך אפגערעדט, אז ער האט גשיקט בהמות אויף א ווייטע וועג און זיי זענען קראנק געווארן, און ער קען פון דעם פארלירען זייער אסאך געלט, האט אים די רבי געזאגט, די טראכסט אז איך וועל בענטשען דיינע בהמות וואס ארבעטען שבת, שבת איז דאך נוטריקון "ש'בת ב'המתך ת'לך - ש'בת ב'המתך ת'מות, האט דער איד אנגעהויבן זייער צו וויינען, און ער האט צו געזאגט פארן רבין, אז ער איז מבטיח אז פון היינט און ווייטער וועט ער אפהיטן שבת אפילו אויף זיינע בהמות, האט די צדיק געזאגט ש'בת ב'המתך ת'נוח - ש'בת ב'המתך ת'צלית.

**איינמאל ווען דער הייליגער באר מים חיים זי"ע האט געזאגט א דרשה אין ביהמ"ד**, איז די הייליגע ערבי נחל זי"ע דורך און געפרעגט פון די מענטשן דארט ווער עס רעדט דארט, האט מען אים געזאגט, אז דאס איז דער הייליגער באר מים חיים, האט ער געזאגט, תורה קען איך זאגן אסאך בעסער ווי אים, אבער "דעם פלאם פייער" דאס קען נאר ער.

**איינמאל איז דער הייליגער באר מים חיים זי"ע געווארן זייער קראנק**, און זיין נשמה איז ארויף צום עולם האמת, ער האט דארט באגעגענט דעם הייליגען בעש"ט זי"ע, האט דער הייליגער באר מיחיים זי"ע געזאגט פארן בעש"ט זי"ע, אז ער האט א פתחון פה צו בעטען א רפואה, ווייל ער איז א תלמיד פונעם הייליגען מגיד מזלוטשוב זי"ע און די מגיד פלעגט יעדן שלש סעודות פארציילן א מעשה פונעם בעש"ט הק'.

איינמאל האט זיך די מגיד פארלענגערט מיט שלש סעודות, און ער האט שוין געוואלט בענטשן, און איך האב אים געזאגט, רבי מען האט נאכנישט פארציילט א מעשה פונעם בעש"ט, און דער הייליגער מגיד האט צוליב דעם פארציילט א מעשה, און איך בין זיכער אז דער בעש"ט זי"ע האט געהאט א נחת רוח בעולם העליון פון דעם, בעט איך יעצט פונעם צדיק, אז ער זאל מיר צוריק טון א טובה און פויעלען א רפואה, און דער באר מים חיים איז טאקע צוריק געזונט געווארן.

**ווי גרויס און הייליג דער באר מים חיים איז געווען א גאנצע וואך**, אזויפיל גרעסער און העכער איז ער געווען שבת קודש, אין ספר גדולים מעשה צדיקים, שרייבט דער מחבר החסיד המופלג

רבי יעקב מרגליות ז"ל, אז זיין טאטע דער ראש בית דין פון בארדיטשוב, הגה"ק רבי משולם נתן מרגליות זי"ע, פלעגט כסדר פארן צום הייליגען באר מים חיים זי"ע, האט ער אמאל געפרעגט זיין טאטן, צו עס איז אמת וואס די וועלט דערציילט, אז דער באר מים חיים איז געווען יעדן שבת קודש מיט צוויי קעפ העכער ווי א גאנצע וואך.

האט אים זיין טאטע געענטפערט, "מיין קינד, דו ווייסט אז איך זאג נישט קיין גוזמאות, האב איך דען אפגעמאסטן זיין הייעך, נאר דאס קען איך דיר יא זאגן, איך פלעג אים זעהן ערב שבת קודש פאר ער איז געגאנגען אין מקוה, און איך פלעג אים זעהן ווען ער איז צוריק געקומען פון מקוה, זאג איך דיר בתורת עדות ברורה, אז נאך די מקוה האט ער אויסגעזעהן ממש ווי א צווייטער מענטש, ער איז געווען אנדערש סיי מיט זיין הויעך און סיי מיט זיין געשטאלט, דאס גאנצע געשטאלט פון זיין קערפער איז געווען אנדערש ווי פריער".

**הערש מאסייבער איז געווען א באקאנטער פערזאן אין שטאט "מאסייב"**, א שטעטל אין די געגנט פון מארמארוש, נישט מיט זיין לומדות איז הערש געווען באקאנט, אויך נישט מיט זיין באזונדערע קליגשאפט אדער פעהיגקייטן, פארקערט, הערש איז געווען א פראסטער מענטש, א ליידיג גייער און א גרויסער עם הארץ, וואס איז יא געווען הערש'נס ספעציעליטעט מיט וואס זיין נאמען איז געווען באקאנט פאר קינד און קייט אין שטעטל, הערש איז געווען א גרויסער לץ, לאנגע שעות פלעגט ער שטיין און טרייבן שפאס פון אלעס און פון יעדן, און אין גאנץ מאסייב איז ער געווען באוואוסט אלס אויס גערופענער לץ און שפאס טרייבער.

הערש איז געווען א פארמעגליכער מענטש, ער האט געהאנדלט מיט בהמות און פערד, און האט קיינמאל נישט פארפעלט צו פארן קיין טשערנאוויץ, די הויפט שטאט פון באקאווינא, (וואס איז נעבן מארמארוש, אויף די אנדערע זייט פון די בערג) אויפן גרויסן "יריד", דער מארק טאג, וואו ער פלעגט איינקויפן בהמות און פערד פאר זיין מסחר, אויך אין טשערנאוויץ איז הערש געווען פארנומען מיט זיין ליצנות, גאנץ אינדערפריה, איידער דער מארק האט זיך אנגעפאנגען, פלעגט הערש שוין זיצן ארומגענומען מיט א געזעמל סוחרים און סתם מענטשן פון די גאס, און געלאזט הערן זיינע "קלוגע" רייד, מיט וואס דער עולם האט זיך אונטערגעהאלטן און געלאכט מיט פולע מיילער.

זיצט אמאל הערש מאסייבער אין מארק אין טשערנאוויץ, און טרייבט ליצנות, פלוצליג זעהט ער וואו עס גייט דורך דער רב פון שטאט, דער באקאנטער צדיק רבי חיים טיראר זי"ע, מחבר פון ספר "באר מים חיים", גיט אים הערש א פרעג, אביסל מיט ליצנות און אביסל מיט ערנסטקייט, "רבי! וואס טוט איר דא אין מארק", שטעלט זיך דער צדיק אפ, און ענטפערט אים, אז ער גייט נאך געלט, ער זאמלט געלט פאר א מצוה פון "פדיון שבוים", אויס צו לייזן א געפאנגענעם איד, "וויפיל געלט דארף דער רבי האבן" פרעגט הערש, שוין מיט אן ערנסטע מינע, "טויזנט פינף הונדערט גאלדענע רענדלעך", ענטפערט דער רבי.

הערש טראכט נישט לאנג, ער נעמט ארויס פון זיין טאש די גאנצע סומע, טויזנט פינף הונדערט גאלדענע רענדלעך, און גיט עס אהין פארן רבי'ן, דער רבי בלייבט שטיין ערשטוינט, טויזנט פינף הונדערט רענדלעך איז א ריזיגע סומע געלט, דאס איז הערש'נס גאנצע פארמעגן וואס ער האט מיט גענומען צו קענען איינקויפן בהמות, און דא גיט ער עס אויף איינמאל אוועק אינגאנצן!, דער כח פון א אידישע נשמה!, אז ווי געפאלן ער איז, ערוועקט זיך אמאל דער אידישער פונק, עס פלאקערט אויף דאס הייליגע פייערל וואס פלאקערט אין א אידיש הארץ, פאר אזא ערהויבענעם סארט מענטש קומט זיך דאך זיכער א ברכה, ווינטשט אים דער רבי אן, "דו זאלסט זוכה זיין צו פילן א טעם אין הייליגן שבת".

קיין געלט האט הערש שוין נישט געהאט, ער האט דאך אוועק געגעבן דאס גאנצע פארמעגן פארן רבי'ן, האט ער מער נישט געהאט וואס צו זיכן אין טשערנאוויץ, האט ער זיך געבארגט עפעס געלט אויף שפעזן, און איז אהיים געפארן קיין מאסייב, ווען ער איז אנגעקומען אהיים, און האט דערציילט וואס ער האט געטאן מיט זיין געלט, האבן זיין ווייב און קינדער גענומען שרייען אויף אים, "וואס האסטו געטאן?, האסט דאך אונז אומגליקלעך געמאכט! דאס גאנצע פארמעגן אוועקגעגעבן!, פון וואס וועלן מיר לעבן", רבי הערש, ווי מיר וועלן אים רופן פון יעצט, איז אבער געבליבן פריילעך און גוט אויף געלייגט, אז ער האט זוכה געווען צו טאן אזא גרויסע מצוה, און איז גארנישט געווארן טרויעריג.

יענעם דאנערשטאג, גיט רבי הערש א פרעג די ווייב, "דו ווייסט וואס מארגן איז", "זיכער וויס איך" ענטפערט זי אים מיט כעס, "מארגן איז ערב שבת, און איך דארף טאקע געלט אויף שבת צו מאכן", רבי הערש מאכט זיך נישט וויסענדיג פון איר בייסיגען ענטפער, און נעמט זיך טאנצן פאר גרויס שמחה, אז מארגן איז שוין ערב שבת, די ווייב קוקט אים אן, זי האט געמיינט אז ער איז משוגע געווארן, פון ווען אן פרייט זיך איר מאן מיטן שבת, נאכדערצו דאנערשטאג זאל ער שוין טראכטן אפילו אז עס גייט זיין שבת.

דאנערשטאג ביינאכט ווען רבי הערש איז געגאנגען דאווענען אין בית המדרש מנחה מיט מעריב, איז ער שוין געווען אינגאנצן אויסער זיך פאר פרייד, אז עס גייט שוין קומען דער הייליגער שבת!, ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן, עס האט דאך אין אים געברענט די קדושה פון שבת קודש, און ער איז נאך נישט געווען אויסגעארבייט צו קענען באהאלטן פון מענטשן זיינע הייליגע געפילן, האט ער אויך אין בית המדרש געזינגען און געטאנצן, ביז אלע אנוועזנדע האבן געמיינט אז ער איז נעבעך משוגע געווארן, זיין דאווענען דאנערשטאג און פרייטאג איז געווען מיט א פייערדיגען ברען און מיט גרויס התלהבות.

ווען עס איז געווארן דער זמן, און דער הייליגער שבת איז אריין געקומען, איז ר' הערש געווארן ווי א שטיק פייער, ער האט געברענט פאר די קדושה פון שבת קודש, א גאנצן שבת קודש איז ר' הערש געווען פאר'דביקות'ט, ווי איינער פון די צדיקי הדור, זיין דאווענען און זיינע סעודות זענען געווען מיט א געוואלדיגע העכערקייט, זיין פנים האט געפלאמט ווי א פאקל, די קינדער און זיין ווייב האבן זיך געבראכן די הענט פאר צער, זיי האבן געמיינט אז ער איז נעבעך משוגע געווארן פאר צרות.

ווען עס איז געווארן אויס שבת איז ר' הערש געווארן צוריק דער אלטער הערש, און האט זיך צוריק גענומען צו זיין האנדל ווי

געוועגליך, די משפחה האט זיך בארוהיגט, עס איז נאר געווען א דורכגאנג, ברוך השם אז יעצט איז ער שוין צוריק נארמאל געווארן, אבער ווען עס איז געקומען מיטוואך האט זיך די שפיל אנגעהויבן פון דאסניי, אזוי איז געווען עטליכע וואכן, די ערשטע פאר טעג פון די וואך איז ר' הערש ווייטער געווען א פשוט'ער איד, אבער ווען עס איז געקומען מיטוואך איז ער געווארן גאר אן אנדערער, ער האט געברענט פאר די קדושת שבת, און איז געווען גאר אויסגעטאן פון די וועלט, ערשט דעמאלט איז קלאר געווארן, אז דאס אלעס איז אין כח פון די ברכה וואס ר' הערש האט באקומען פון טשערנאוויצער רב דער באר מים חיים, וואס האט אים געבענטשט אז ער זאל פילן א טעם אין שבת.

די קדושה פון שבת קודש וואס ר' הערש האט געפילט יעדע וואך, האט אים צוביסלעך אויסגעאיידלט און איבערגעענדערט, די קדושה האט געהאט אויף אים אן השפעה און איז פארבליבן ביי אים אויך אין די אנדערע טעג פון די וואך, צוביסלעך האט ער זיך גענומען לערנען און דאווענען און שטייגן אין אידישקייט, ביז ער איז געווארן א גרויסער תלמיד חכם און אמת'ער צדיק, און איז שפעטער געווען איינער פון די חשוב'ע תלמידים פון הייליגן באר מים חיים זי"ע.

די מעשה האט דערציילט דער נאסודער רב הרה"ק רבי אברהם יהושע פריינד זי"ע, פלעגט דער נאסודער רב אויספירן, אז ער האט נאך געקענט אלטע חשוב'ע אידן, איינוואוינער פון די שטאט סיגוט, וועלכע פלעגן פארן קיין מאסייעב צו ר' הערש'ן, צו זיין ביי אים אויף שבת, און צו הערן דברי תורה פון זיין הייליג מויל, און שפעטער איז ר' הערש ארויף געפארן וואוינען קיין ארץ ישראל, וואו ער האט אויס געלעבט זיינע לעצטע יארן בקדושה ובטהרה, און איז דארט נפטר געווארן אלס צדיק און הייליגער איד.

**עס ווערט דערציילט**, אז דער הייליגער באר מים חיים זי"ע האט געהאט א זון וואס איז געווען א איידים ביים הייליגען אוהב ישראל מאפטא זי"ע, וואס איז רח"ל אראפ פונעם דרך הישר, און זיך נישט אויפגעפירט ווי ס'דארף צו זיין, האט אים אפטא רב זי"ע געבעטן צו געבן א גט פאר זיין ווייב, און ער האט נישט געוואלט.

האט אים דער הייליגער אפטא רב זי"ע געזאגט, אז אין די ערשטע משנה אין קידושין שטייט, "האשה נקנית בשלש דרכים, וקונה את עצמה בשתי דרכים בגט, ובמיתת הבעל, זאל ער אויס קלייבן וועלכע וועג ער וויל", פארשטייט זיך אז ער האט גלייך געגעבן א גט, און בדרך אגב האבן זיך די צוויי הייליגע צדיקים גערופן ווייטער מחותנים אויך נאכן גט, פארציילט מען, אז דער זוהן האט תשובה געטוהן נאך זיין טאטע'נס הסתלקות, ווען זיין טאטע האט זיך אנטפלעקט צו אים, און געוויזן דעם גלייכן וועג.

**פארציילט הרה"ק רבי יעקב ישכר בער ראזענבוים מנדבורנא בני ברק זי"ע**, אז זיין זיידע די הייליגע באר מים חיים זי"ע האט גאר שטארק מקרב געווען דעם זון, אפילו ווען ער האט זיך נישט אויף געפירט ווי ס'דארף צו זיין, אבער פאר די חסידים האט עס זייער פארדראסן, ווייל זיי האבן געמיינט אז די רבי ווייסט נישט דערפון, האבן זיי זיך אבגע'שמועסט אז זיין גייען אריין גיין צום באר מים חיים אים פארציילען, אז זיין זון פירט זיך נישט אויף ווי ס'דארף צו זיין.

בשעת די תלמידים זענען געשטאנען ביים טיר פונעם רבי'ן מיט א ציטער, וואו אזוי זאלן זיי אים פארציילען פון זיין זון'ס געפירעכץ, הערן זיי וואו די רבי גיסט זיך אויס זיין הארץ, און טענה'ט זיך מיטן באשעפער און זאגט אזוי, ס'שטייט אין די תורה, (בראשית כה' כח) 'וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו', לכאורה פארוואס האט יצחק ליב געהאט עשיו, ער איז דאך געווען א גרויסע רשע.

נאר די תירוץ איז, כי ציד בפיו, אז יצחק אבינו האט זיך גענוצט דער מיט פאר א מליצה ישרה אויף כלל ישראל, זאגענדיג פארן הייליגע באשעפער, קוק זיך גוט אום, איך האב א זון וואס ווידער שפעניגט אין מיין רצון, און ער איז אראפ פון גלייכן וועג, און אסאך עגמת נפש האט ער מיר אנגעמאכט, מיט דעם אלעם בין איך אים נישט מרחק, בעט איך דיר אז וועגן דעם, אויב דיינע קינדער פירן זיך נישט אויף ווי ס'דארף צו זיין, האלט צוריק דיין צארען, און פיר זיך אויף מיט זיי מיט מדת הרחמים.

האבען די חסידים פארשטאנען, אז די רבי ווייסט צו זאגען פון זיין זון, און מיט דעם וואס ער האט רחמנות אויף אים, איז ער ממליץ טוב אויף כלל ישראל, און ער האט א פתחון פה צום הייליגען באשעפער, און ווי זיי האבן דאס געהערט זענען זיי אלע אנטלאפן.

**ווען דער הייליגער באר מים חיים זי"ע איז ארויף קיין א"י**, האט זיין איידעם רבי משה לייב אים געבעטן, אז ער וויל מיט קומען מיט אים קיין א"י, אבער דער שווער האט אים נישט ערלויבט זאגנדיג, אז ער איז נאך יונג און אויב ער וועט וועלן דווקא וועט ער קענען ארויף קומען און נאך 20 (אדער 30) יאר.

ביזדערווייל איז רבי משה לייב געבליבן אין טשערנאוויץ, אבער נאך אפאר יאר האט אין אים ווידער אמאל אויפגעפלאקערט די רצון ארויף צו גיין קיין א"י, ער האט טאקע פארקויפט אלע זיינע מטלטלין און ער האט זיך ארויס געלאזט אויפן וועג, פארגעסנדיג פונעם אנזאג פון זיין שווער דער הייליגער באר מים חיים זי"ע.

שוין אויפן שיף האט רבי משה לייב אנגעהויבן שפירן גאר שלעכט און ער איז געווארן זייער קראנק, ביים אנקומען צום בארטן אין א"י איז זיין מצב געווארן ערגער און נאך אפאר טעג איז ער ליידער אוועק, און דעמאלטס איז נתברר געווארן פארוואס זיין שווער האט אים צוריקגעהאלטן פון ארויפקומען קיין א"י.

**הרה"צ ר' מרדכי הערש שמרלר ז"ל האט דערציילט**, אז ער האט געהערט פון זקני צפת, אז איינמאל איז א גאר פשוטע איד פון שטאט צפת געקומען צום שולחן הטהור פונעם צדיק דער הייליגער באר מים חיים זי"ע, און יענער פשוטע איד האט איינגעדרימלט מיטן קאפ אויפן טיש, און דער הייליגער באר מים חיים זי"ע האט דעם איד אויס געמוסר'ט און געזאגט, "אזא הייליגע טאג ווי שבת קודש, ווי אזוי קענט איר שלאפן אין אזא הייליגע טאג, מיר זענען דאך באפוילען געווארן צו זיין א שומר שבת, און א שומר וואס שלאפט איז דאך מועל אין זיין שמירה".

דער פשוטע איד'ל האט זיך טאקע דערוועקט פון די ווערטער, און לפלא האט דער איד מער זיין גאנץ לעבן נישט געקענט

פארמאכן א אויג גאנץ שבת קודש, און ביז סוף ימיו איז דער איד יעדן שבת קודש געקומען אין ביהמ"ד און געזינגען שבת ניגונים און געלויבט און געדאנקט דעם באשעפער וואס האט אונז געגעבן אזא מתנה ווי שבת קודש, און דער איד איז אזוי ארום געגאנגען פון ביהמ"ד צו ביהמ"ד, אלעס פון די הייליגע ווערטער פונעם צדיק וקדוש דער הייליגער באר מים חיים זי"ע.

**ווערט דערציילט**, אז ווען דער הייליגער באר מים חיים זי"ע איז געווען אויפן שיף אויפן וועג קיין ארץ ישראל, האט ער דארט געזעהן א איד וואס האט ליידער רח"ל געשריבן מיט א פעדער אים שבת קודש, דער הייליגער צדיק דער באר מים חיים זי"ע ווען ער האט דאס געזעהן, איז דערציטערט געווארן, און א שריי געגעבן אויף דעם איד, "עס איז דאך שבת קודש", גלייך איז דעם איד באפאלן א שרעקליכע ציטער, און די פעדער איז גלייך ארויס געפאלן פון זיין האנט, און זיין האנט איז געבליבן ציטערן זיין גאנץ לעבן און ער האט שוין נישט געקענט שרייבן מיט א פעדער זיין גאנץ לעבן, אלעס דורך דעם איינעם שריי פונעם צדיק.

**ווערט דערציילט א מעשה נפלא**, אז אין די צייטן פונעם הייליגען באר מים חיים זי"ע האט זיך געמאכט, אז צום שטאט טשערנאוויץ איז געקומען א גוי וואס איז געווען א קינצן מאכער, ער האט געקענט באוויזן צו שפאצירן אויף א דינעם שטריק פון איין זייט צו די אנדערע, און די גאנצע שטאט מענער פרויען און קינדער זענען ארויס געקומען זעהן דעם וואונדער, און לפלא האבן די אידן פון שטאט געזען, אז אויך דער הייליגער באר מים חיים זי"ע איז ארויס געקומען צו זעהן דעם וואונדערליכע מראה, און עס איז געווען א גרויסע חידוש פאר די אידן, וויסענדיג אז דער צדיק האט נישט מבטל געווען א מינוט פאר עפעס אנדערש אויסער תורה ועבודת השם.

ווען דער הייליגער באר מים חיים זי"ע האט געזען ווי דער עולם וואונדערט זיך אזוי פארוואס ער איז ארויס געקומען, האט ער געזאגט פאר די אידן דארט, אז די סיבה פארוואס ער איז ארויס געקומען זעהן דעם קינצן מאכער איז, ווייל יעדע זאך וואס פאסירט אויף די וועלט, קען מען זיך לערנען א דרך אין עבודת השם, און אויך פון דעם גוי להבדיל קען מען זיך לערנען א דרך אין עבודת השם.

ווייל ווען דער גוי גרייט זיך צום שפיל, וועט ער זיך נאך פרעגן ביי זיינע ארבעטער'ס אויב יעדער איינער האט שוין באצאלט פארן שפיל, און דער וועט זיך נישט ארויף שטעלן ביז ער ווייסט זיכער אז יעדער האט באצאלט, און נאכן שפיל וועט ער ווייטער זיין פארנומען צו הערן אויב דער עולם האט הנאה געהאט פונעם שפיל, אבער בשעת מעשה ווען ער שפאצירט אריבער דעם בענדל, וועט דער קינצן מאכער נישט טראכטן פון גארנישט אויסער פון זיין ארבעט, וויבאלד ער ברויך זיך גאר שטארק מצמצם זיין אז ער זאל נישט אראפ פאלן און גע'הרג'ט ווערן.

די זעלבע איז מיט עבודת השם, ווייל א איד ברויך וויסן און געדענקען, אז נישט קיין חילוק וואס ער איז פארנומען בעפאר ער שטעלט זיך דאווענען אדער בעפאר ער טוט א מצוה, אדער נאכדעם וואס ער האט געענדיגט דאווענען און נאכדעם וואס ער האט מקיים געווען א מצוה, אבער בשעת מען דאווענט און מען איז מקיים סיי וואסערע מצוה, ברויך א איד זיין אויס געטון פון אלעם ארום און זיך נאר מצמצם זיין אינעם דאווענען און אינעם מצוה וואס ער איז יעצט מקיים.

**איינע פון די גרויסע חסידים פונעם הייליגען שר שלום מבעלזא זי"ע** האט געוואלט זיך אריבער ציען קיין ארץ ישראל, איז ער אריין צו זיין רבין נעמען רשות, האט אים דער הייליגער שר שלום זי"ע געזאגט, איך בין מסכים צו דעם נאר אויב די וועסט פארן אין וויילען אויף א שבת אין שטאט טשערנאוויץ, און נאך שבת זאלסטו מיר דערציילן ווי אזוי דער שבת איז דורך.

דער חסיד האט אויס געפאלגט וואס זיין רבי האט געהייסן, און ער איז אריבער קיין טשערנאוויץ אויף א שבת, און ווען ער איז צוריק געקומען צו זיין רבין האט אים די רבי אויס געפרעגט ווי אזוי זיין שבת איז דורך, דער חסיד האט דערציילט אז ער איז אנגעקומען קיין טשערנאוויץ, ערב שבת האט ער געגעסן טועמיה און דאן איז ער געגאנגען דאווענען מנחה קבלת שבת און מעריב, דאן האט ער געגעסן די סעודת שבת, דאן האט ער געלערנט אביסל און געגאנגען זיך צו לייגן.

פרעגט אים דער הייליגער שר שלום זי"ע, די האסט געקענט שלאפן, זאגט דער חסיד גראדע האב איך מיך צו געלייגט אין ביהמ"ד, אבער איך האב נישט געקענט איינשלאפן די גאנצע נאכט, צופרי בין איך אויף געשטאנען און געדאווענט שחרית מוסף, און דאן האב איך געגעסן דעם סעודת שבת היום, דאן האב איך נאכאמאל פראבירט זיך צו לייגן, אבער עס איז מיר נישט געלונגען צו איינשלאפן דעם גאנצן שבת קודש.

דאן האט דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע געזאגט פאר דעם איד, די סיבה פארוואס איך האב דיך געשיקט קיין טשערנאוויץ איז, ווייל אין דעם שטאט האט געוואוינט דער הייליגער באר מים חיים זי"ע וואס האט געברענט אויף קדושת שבת קודש עד כדי כך, אז ער האט אריין געברענגט דעם קדושת שבת אויך אין די ווענט פונעם ביהמ"ד, און דערפאר האסטו שבת קודש נישט געקענט שלאפן פון גרויס קדושה וואס איז דארט געבליבן.

און דערפאר האב איך דיך געשיקט קיין טשערנאוויץ, אז די זאלסט זען אז די קדושת שבת לאזט נישט קיין מנוחה, און יעצט אז די ווילסט ארויף גיין קיין ארץ ישראל זאלסטו וויסן, אז די קדושת ארץ ישראל איז אזוי ווי קדושת שבת קודש, און דערפאר אויב גייסטו ארויף אלס מנוחה זאלסטו וויסן, אז דארט איז נישט דא קיין מנוחה, ווייל קדושת שבת לאזט נישט א מענטש שלאפן, און וועגן דעם האב איך געוואלט אז די זאלסט באמת וויסן די סיבה פארוואס די ווילסט ארויף גיין קיין ארץ ישראל.

**יארצייט דאנערשטאג כ"ח כסלו ד' דחנוכה**

**הגה"ק רבי עוזיאל ב"ר צבי זי"ע, (מייזליש),**
**בעל תפארת עוזיאל, אב"ד ניישטאדט,**

ער איז געבוירן געווארן אין שטאט סעמיאטיטש, בשנת תק"ד.

צו זיין טאטן הגה"ק רבי צבי הירש אב"ד סעמיאטיטש זי"ע,
בן הגה"ק רבי יצחק זי"ע,
בן הגה"ק רבי משה אב"ד זאמושטש זי"ע,
בן הגה"ק רבי חיים זי"ע,
בן הגה"ק רבי אריה יהודה לייב בעל פני אריה זוטא אב"ד לבוב זי"ע, הנקרא ר' לייבע'לע חסיד זי"ע,
נכד הגה"ק רבי ארי' לייב ב"ר אשר בעל שאגת אריה אב"ד מיץ זי"ע,
ונכד הגה"ק רבינו משה איסרליש בעל הרמ"א זי"ע.

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת דרעזיל ע"ה,
בת הגה"ק רבי אברהם נתן נטע ב"ר משה בעל נטע שעשועים אב"ד ווישניצא זי"ע,
נכד הרה"ק רבי שמואל צבי הירץ בעל בית חדש זי"ע.

ער איז געווען א גאון אדיר ובקי מובהק בכל מקצועות התורה, ער איז געווען א איש אלקים קדוש וטהור און א בעל מקובל נורא מאוד, שוין פון אלס יונג קינד איז ער שוין געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע כשרונות און גאונות בתורה, די צדיקים בדורו האבן זייער מערך געווען זיין גדלות בתורה, ער איז מוסמך געווארן דורך אסאך גדולי הדור, וואס אלע כאיש אחד האבן מעיד געווען אויף זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה, פונעם ביהמ"ד פון דעם גאון זענען ארויס געקומען אסאך גדולי ישראל, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות.

פון גאר יונג איז ער שוין געווען מפורסם אלס א עילוי גדול בתורה, און ער האט שוין דאן געשריבן גאר טיפע חידושים פיל מיט גאונות און חריפות בתורה, נאך גאר יונג האט ער חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הגאון הגביר רבי שלמה מזעליחוב זי"ע.

נאך זיין חתונה איז ער נתקרב געווארן צום דרך הבעש"ט זי"ע און צו חסידות, און נאכן הסתלקות פונעם בעש"ט זי"ע ו' סיון בשנת תק"כ, איז ער געווארן פון די גרויסע תלמידים פונעם תלמיד הרה"ק רבי דוב בער המגיד ממזריטש זי"ע, און ער איז געווען דאן פארעכנט פון די גרעסטע מפיצים פונעם דרך החסידות, זיינע הייליגע ספרים איז געווען באליבט ביי אלע גדולים און צדיקים בדורו, און אויך שפעטערע יארן האבן צדיקים גאר שטארק געערעדט פון די גדלות און קדושה פון זיינע הייליגע חיבורים.

ער איז אויך געווען א תלמיד פון די אנדערע תלמידי בעל שם הקדוש זי"ע ובתוכם.

הרה"ק רבי מנחם מענדל מפרמישלאן זי"ע,
הרה"ק רבי אברהם מקאליסק זי"ע,
הרה"ק רבי נחמן מקוסוב זי"ע,
הרה"ק רבי אברהם מפדלוסק זי"ע.

און זייענדיג א גדול בתורה און א גאון אדיר וואס כל רז לא אניס ליה, איז ער נתקרב געווארן צו גאר אסאך תלמידים פונעם הייליגען מגיד ממזריטש, וואס יעדער פון זיי האבן מעיד געווען אויף די גדלות און גאונות בתורה פון דעם גאון רבי עוזיאל זי"ע, ער איז געווען א נאנטער חבר מיט די תלמידים פונעם מגיד ובתוכם.

הרה"ק רבי שמעלקא מניקלשבורג זי"ע,
ואחיו הרה"ק רבי פנחס הלוי הורוויץ בעל הפלאה זי"ע,
הרה"ק רבי אלימלך בעל נועם אלימלך מליזענסק זי"ע,
ואחיו הרה"ק רבי משולם זושא מאניפולי זי"ע,
הרה"ק רבי לוי יצחק בעל הקדושת לוי מבארדיטשוב זי"ע,
הרה"ק רבי יחיאל מיכל המגיד מזלאטשוב זי"ע,
הרה"ק רבי חיים חייקל מהמדורא זי"ע.

די חברים פלעגן דעם גאון ריפן "עבד השם" ווייל עבד איז ר"ת "ע'וזיאל ב'ן ד'רעזיל", און האבן מעיד געווען אויף דעם צדיק "שלא טעם טעם חטא מעולם".

גאנץ אנפאנג איז ער געווען רב אין די שטאט אוסטרובצא אין פולין, אבער ער האט דארט געליטן רדיפות פון די ראשי קהילה פארן מקרב זיין אידן צום דרך החסידות, איין ערב שבת האט מען דעם גאון וקדוש רבי עוזיאל זי"ע פארטריבן פונעם שטאט מיט גרויסע בזיונות, און די מתנגדים האבן אפילו נישט מסכים געווען אז ער זאל בלייבן ביי זיי ביז נאך שבת.

בלית ברירה איז דער גאון מיט די משפחה ארויס פון שטאט, און ביים עק פון שטאט האט געוואוינט א גאר פשוטע איד, און ווען דער צדיק האט געבעטן פון דעם איד, אז ער זאל אים לאזן דארט בלייבן אויף שבת, האט דער איד קודם נישט געוואלט מסכים זיין, וויבאלד ער האט שטארק מורא געהאט פון די ראשי קהלה וואס זענען געווען גרויסע מתנגדים פונעם דרך החסידות.

אבער דאן האט דער איד געבעטן פונעם צדיק, אז בשכר וואס ער לאזט דעם צדיק בלייבן ביי זיך אין שטוב אויף שבת, זאל אים די רבי צו זאגן, אז זיין טאכטער וועט חתונה האבן מיט א תלמיד חכם, דער צדיק האט דאס אים מבטיח געווען, און ער איז דארט געבליבן אויף שבת קודש ביי דעם פשוטע איד, שפעטער האט דער טאכטער פון דעם איד חתונה געהאט מיט הרה"ק רבי אריה לייב מאוזרוב זי"ע מגדולי תלמידי החוזה מלובלין זי"ע.

נאכדעם איז ער געווען רב און שטאט ריטשוואל, און סוף ימיו איז ער אריבער צום שטאט ניישטאט, דארט איז ער שוין געבליבן ביז צו זיין פריצייטיגע פטירה, און דער גרויסער גאון רבי עוזיאל זי"ע האט אפילו אין זיין קורצע לעבן, גאר אסאך מרביץ תורה געווען פאר תלמידים גאונים וגדולים בתורה.

צווישן זיינע תלמידים האבן זיך געציילט פון די גרעסטע גאונים בדורו ובתוכם.
הרה"ק רבי אהרן השותק מזליחוב זי"ע,
הרה"ק רבי פישל מסטריקוב זי"ע,
הרה"ק רבי דוד שלמה אייבשיץ בעל ערבי נחל זי"ע,
אחיו הגה"ק רבי יצחק מייזליש זי"ע.

ער האט מחבר געווען ספרים נפלאים פיל מיט חריפות און בקיאות.
ספר עץ הדעת טוב, על כתובות ושבת,
ספר תפארת עוזיאל, על תנ"ך,
ספר מנורה הטהורה, על הלכות שבת,
ספר תפארת הצבי, על מסכת ביצה,
ספר כרם שלמה, בשיטות הש"ס ופוסקים לשו"ע או"ח ויו"ד.

די גדולי הדור האבן מעיד געווען אויף זיינע הייליגע ספרים, אז אלע פון זיי זענען געשריבן געווארן בקדושה וטהרה וכל דבריו ברוח הקודש נאמרו, זיין רבי דער הייליגער מגיד ממזריטש זי"ע האט געזאגט אויפן ספר פון זיין הייליגע תלמיד בזה"ל, "כי תורתו היא כנתינתן מסיני".

הגה"ק רבי יצחק מאיר אלתר בעל חידושי הרי"ם מגור זי"ע שרייבט אין זיין הסכמה בזה"ל, "ראיתי הכתבים על מסכת שבת ועל תנ"ך והמה יקרים, ודבריו הקדושים אין צריכים הסכמה שהיה מפורסם לגאון בדורו ואיש קדוש".

הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע שרייבט אינעם הסכמה אויפן ספר תפארת עוזיאל בזה"ל, "ובמעט עיוני בהם ראיתי שהם בחריפות ובקיאות גדולה, והמה חצובים מפה קדוש ד', ואיש אלוקים נתרבה מצדיקי גדולי הדור שלפנינו והיה מופלג בחסידות וצדקות כאשר שמענו מתמימות דרכיו".

הרה"ק רבי יעקב ארי' מראדזימין זי"ע שרייבט אין זיין הסכמה בזה"ל, "מה נכבד היום בהגלות נגלות אוהבי וידידי בני אל חי רב טוב הצפון עין לא ראתה, תורת חיים עתיקים העומדים ברומו של עולם, מי מדד בשעלו מי התורה ומי דרך בנעלו מעיני החכמה ומי שילב ואיחד סתרי התורה עם הויות אביי ורבא, ה"ה הצדיק לזכר עולו יהיה כבוד רב האי גאון מפורסם ראש גולת אריאל אביר הרועים מופת הדור המקובל האמיתי ר' עוזיאל זצוקללה"ה".

ער האט איבער געלאזט א זון הגה"ק רבי צבי הירש מסמיאטיץ זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים כ"ח כסלו ד' דחנוכה בשנת תקמ"ו, זייענדיג נאר 42 יאר אלט, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט נאווה קורצין ניישטאט אין פולין.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**יארצייט פרייטאג כ"ט כסלו ה' דחנוכה**

**הגה"ק המקובל רבי חזקיה ב"ר דוד זי"ע, (די סילווה), בעל פרי חדש, פוסק הדור ושליחה דרבנן, ומגדולי ירושלים,**

ער איז געבוירן אין שטאט ליווארנא אין איטאליה, בשנת תי"ט.

צו זיין טאטן הגה"ק רבי דוד מליווארנא זי"ע.

ער איז געווען א איש קדוש ונורא מאוד, ער איז געווען פון די גרעסטע גדולים גאונים בתורה בדורו און פון די גרעסטע פוסקים בדורו, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מקובל גדול ומפורסם און א בקי נפלא בתורת הנסתר, ער איז געווען דער שליח דרבנן וואס האט אנגעפירט די שליחות פון גיין קיין חוץ לארץ צוזאמען שטעלן גרויסע געלטער צו העלפן און מחזק זיין די אידן וואס האבן דאן געוואוינט אין ארץ ישראל.

ער האט זיך מיגע געווען זיין גאנץ לעבן אויף תורה און הלכה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, און ווען ער איז געווען סך הכל 20 יאר אלט, איז ער שוין געווען באקאנט מיט זיין גדלות ובקיאות וחריפות בתורה און גרויסע גדולים בתורה האבן שוין דאן זיך מפלפל געווען בתורה מיט דעם יונגען גאון וקדוש.

פון גאר יונג אן האט ער שוין געלערנט תורה ביי הגה"ק רבי שמואל קוסטא מליווארנא זי"ע, און זיין רבי האט שוין דאן גאר שטארק באוואונדערט די גדלות און בקיאות פון דעם יונגען תלמיד, און ער האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע קרבה און חביבות פון זיין רבין.

אביסל שפעטער איז געקומען קיין איטלאיה דער גרויסער גאון הגה"ק רבי יהודה שארף זי"ע פון מצרים, און האט זיך מפלפל געווען מיט גאון רבי חזקיה זי"ע אין תורה, און ווערענדיג שטארק נתפעל פון זיין גדלות בתורה, האט אים דער גאון רבי יהודה זי"ע זייער צו גערעדט אז ער זאל זיך ארויף ציען קיין ארץ ישראל, וויבאלד דארט האבן דאן געוואוינט פון די גרעסטע בעלי מקובלים און גאוני הדור.

ער איז טאקע ארויף וואוינען קיין ארץ ישראל ביי די 20 יאר, און זיך באזעצט אין ירושלים, און גלייך ביים אן קומען אין ירושלים, איז דער גאון אריין לערנען אין די ישיבה פון הגה"ק רבי משה גאלאנטי ראש ישיבת בית יעקב בירושלים זי"ע, וואס איז געווען א זון פון הגה"ק רבי יונתן מצפת זי"ע, א זון פון הרה"ק רבי משה גאלאנטי הראשון זי"ע.

דארט אין ישיבה ביים גאון רבי משה גאלאנטי זי"ע האט דער גאון זוכה געווען צו קונה זיין גאר אסאך תורה, און זיין רבי ר' משה גאלאנטי זי"ע האט זיך שטארק משתשע געווען מיט דעם גרויסן תלמיד און באוואונדערט זיין גדלות וחריפות ובקיאות נפלאה בתורה, אויך האט ער זיך דארט געטראפן מיטן גאון הגה"ק רבי שלמה אלגאזי זי"ע, און דער גאון רבי שלמה האט זיך גאר אסאך מפלפל געווען בתורה מיטן יונגן גאון דער הייליגער פרי חדש זי"ע.

ביי די 22 יאר האט ער חתונה געהאט צו די טאכטער פון הגה"ק רבי רפאל מרדכי מלכי זי"ע, וואס איז אויך געווען די שוועער פון הגה"ק רבי משה חגיז זי"ע, א זון פון הגה"ק רבי ישראל יעקב חגיז מירושלים זי"ע.

ביי די 30 יאר ווען זיין רבי ר' משה גאלאנטי זי"ע איז נפטר געווארן איז רבינו זי"ע נתמנה געווארן אלץ ראש ישיבה אויפן פלאץ פון זיין רבי, דארט האט דער גאון ווייטער געלערנט מיט א מוראדיגע התמדה און קדושה, ער אז שוין דאן געווען מפורסם מיט זיין גדלות בתורת הנגלה ותורת הנסתר, און ער האט דאן אנגעהויבן מרביץ תורה זיין פאר הונדערטער תלמידים גדולים וגאונים בתורה.

אסאך גדולי הדור זענען ארויס געקומען פון זיין ישיבה, צווישן זיי איז הגה"ק רבי ישיעה אזולאי זי"ע די זיידע פונעם הייליגען חיד"א זי"ע, און אויך הגה"ק רבי יצחק הכהן ראפפורט בעל בתי כהונה אב"ד איזמיר זי"ע, און אויך הרה"ק רבי יהודה הכהן מרבני ירושלים זי"ע.

סוף ימיו בשנת ת"ן איז ער געפארן אויף א שליחות קיין איירופה, און ער איז געווען אין אמסטרדם וואס דארט איז ער געווען פאר צוויי יאר, און דארט האט ער צוגעענדיגט זיין ספר פרי חדש אויף יורה דעה און ווילענדיג אין אמסטרדם האט מען מפציר געווען, אז ער זאל נעמען דאס רבנות פון די קהילה הספרדית דארט אין שטאט, אבער ער האט דאס נישט אן גענומען, ווען ער איז צוריק געקומען קיין ירושלים פון די שליחות בשנת תנ"ד האט מען אים ממנה געווען אלץ ראב"ד פון ירושלים.

פון די חיבורים וואס זענען ארויס געקומען פונעם צדיק קען מען זעהן זיין גאונות און גבורה אין תורה און ש"ס און פוסקים, ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע חיבורים.

פרי חדש על שולחן ערוך,<br>
מים חיים חידושים על הרמב"ם,<br>
שו"ת ספרים.<br>
וואס זענען מדפס געווארן דורך בנו יחידו הגה"ק רבי דוד זי"ע, און זיין שוואגער הגה"ק רבי עזרא מלכי בעל מלכי בקדש זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים כ"ט כסלו ה' דחנוכה בשנת תנ"ח ווען ער איז אינגאצען געווען 39 יאר אלט, ער איז באערדיגט געווארן אויפן הר הזיתים און ירושלים סמוך ונראה צום אור החיים הקדוש זי"ע.

זכותו הגדול יגן עלינו<br>
ועל כל ישראל אמן.

**יארצייט פרייטאג כ"ט כסלו ה' דחנוכה**

**הרה"ק רבי גדליהו ב"ר יצחק זי"ע, (רבינוביץ),**
**בעל תשואות חן, אב"ד ליניץ,**

ער איז געבוירן אין שטאט פולנאה, בשנת תצ"ח.

צו זיין טאטן הרה"ק רבי יצחק הדיין בפולנאה זי"ע,
נכד הגה"ק בעל המהרש"א זי"ע.

דער צדיק וקדוש רבי גדליהו זי"ע האט געזאגט, אז ער האט א מסורה אז די יחוס פון די משפחה איז פון די גזע פון רש"י הקדוש זי"ע.
און אויך איז געווען מקובל און די משפחה, אז זיי זענען זיך מתייחס צו הגה"ק רבי נתן נטע שפירא בעל מגלה עמוקות מקראקא זי"ע.

דער בעש"ט הקדוש זי"ע ווען ער פלעגט קומען אין שטאט פולנאה, פלעגט ער איינשטיין ביים רבין'ס טאטע רבי יצחק זי"ע, לכבוד דעם האט דער טאטע און אויך דער זון רבי גדליה זוכה געווען צו א שטארקע קירבה ביים בעש"ט זי"ע,

אויך ווערט געברענגט, אז דעם ספר 'שבחי בעש"ט' איז געשריבן געווארן דורך איינע פון די באי ביתו פון רבי גדליה זי"ע, און ווי עס שטייט 'הרב דקהילתנו' מיינט דאס דעם צדיק רבי גדליה זי"ע.

ער איז געווען א איש אלוקים קדוש ונורא מאוד, ער איז געווען א גאון עולם און פון די גרויסע חכמי פולין, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע בעל מופת, און איז געציילט געווארן צווישען די גרויסע למדנים און די ערשטע דור פון חסידות,

ער איז געווען פון די בני היכלא קדישא פון די בעש"ט זי"ע, און אפילו זייענדיג נאך גאר יונג ווען ער איז געווען ביים בעש"ט הקדוש זי"ע, האט אים דער בעש"ט געציילט צווישן זיינע געהויבענע תלמידים וואס זענען געווען אסאך עלטער פון אים, ער האט אבער מיט זיין געוואלדיגע עניוות זיך נישט געוואלט פאריפן אלס א תלמיד האלטענדיג אז ער איז נישט ווערט צו ווערן געריפן א תלמיד פונעם בעש"ט זי"ע.

אויך איז ער געווען א תלמיד מובהק פון די תלמידי בעש"ט הקדוש זי"ע ובתוכם.

הרה"ק רבי דוב בער המגיד הגדול ממעזריטש זי"ע,
הרה"ק רבי אריה לייב בעל קול אריה המגיד ומוכיח מפולנאה זי"ע,
הרה"ק רבי יעקב יוסף הכהן בעל תולדות יעקב יוסף מפולנאה זי"ע.

ער האט חתונה געהאט בזיווג שני מיט די טאכטער פון הגה"ק רבי משה טשרטריער זי"ע אחיו של הרה"ק רבי צבי מקאמינקא זי"ע.

ווען ער איז אינגאנצן געווען 18 יאר אלט, האט ער מקבל געווען די רבנות אין שטאט אוסטריפאליא, און דערנאך איז ער געווען רב אין שטאט ירופאליא, סוף ימיו איז ער געווען רב אין שטאט ליניץ,

ער איז געווען מפורסם אלס א בעל דרשן נפלא וואס האט אריין געברענגט א געוואלדיגע ווארעמקייט און זיינע צוהערער'ס און מעורר געווען אידן לתשובה ותיקון המעשים, ורבים השיב מעוון, ער האט זיך נישט אוועק גערוקט פונעם דרך התורה פאר גארנישט.

זיין גאנצע לעבן איז ער געווען א מסתפק במועט, און אפילו זייענדיג א גרויסער עושר, האט ער נאר געלעבט פון די הכנסה פון דאס רבנות און זיין מגידות פון זיין שטאט ליניץ און אויך אין די שטאט סטוביץ, און נישט געוואלט הנאה האבן פון זיין געלט,

ער האט זיין גאנץ לעבן אוועק געגעבן פאר תורה ועבודת השם מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, ער האט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים גאונים וצדיקים בדורו, צווישן זיינע תלמידים האבן זיך געציילט פון די גרעסטע צדיקים בדורו וואס זענען געקומען לערנען תורה פון דעם צדיק ובתוכם.

הרה"ק רבי שלום מפראהביטש זי"ע, אביו של הרה"ק רבי ישראל מרוזין זי"ע,
הגה"ק רבי יהודה לייב מליניץ זי"ע, וואס האט מפיץ געווען דעם הייליגען ספר תשואות חן פון זיין גרויסן רבין.

איינמאל האט איינע פון די חסידים געהערט ווי דער צדיק וקדוש זאגט, "רבונו של עולם אויב וואלסטו מיר געגעבן א דוקדק פון עניות וואלט גאר גוט געווען", האט אים דער חסיד געפרעגט, רבי עס שטייט דאך און די גמרא שהעניות מעבירה את האדם על דעתו ועל דעת קונו, ואם כן ראוי לאדם להתרחק מן העניות.

האט דער צדיק רבי גדליהו זי"ע געזאגט, די פסוק זאגט נישט שהיא מעביר אותו מדעת קונו חלילה לדעות אחרות ח"ו, נאר די גמרא מיינט צו זאגן, שהיא מעבירה אותו על דעת קונו, דאס מיינט אז עס פירט די מענטש פון אנדערע דעות און שטעלט אים אויף די דעת קונו, אז די מענטש זאל אייביג טראכטען פונעם גרויסן באשעפער, ווייל מען ברויך זיך די גאנצע צייט פארלאזן אויפן גרויסן באשעפער.

די צדיקי הדור האבן אים זייער מכבד געווען, ספעציעל איז געווען א געוואלדיגע אהבה צווישן רבין און הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זי"ע, וואס האט מעיד געווען אויפן רבין, אז ער האט זוכה געווען צו גילו אליהו הנביא נאך אלץ יונג קינד, אויך הרה"ק רבי לוי יצחק בעל קדושת לוי מברדיטשוב זי"ע, און הרה"ק מנחם נחום בעל מאור עינים מטשרנוביל זי"ע און הרה"ק רבי יהודה לייב דער שפאלער זיידע זי"ע, האבן אלע געהאט א געוואלדיגע אהבה צום רבין.

ווי באוויסט האט זיך דער הייליגער מאור עינים מטשערנאביל זי"ע משדך געווען מיטן צדיק רבי גדליה מליניץ זי"ע, ווען דער טאכטער פון רבי גדליה האט חתונה געהאט מיטן אייניקל פונעם מאור עינים הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע, בן הרה"ק המגיד מטשרנוביל זי"ע.

מען דערציילט, אז ווען דער אייניקל רבי אהרן איז געבוירן געווארן ביים הייליגער מגיד מטשערנאביל זי"ע, דאן איז אויך געבוירן געווארן א טאכטער ביים צדיק רבי גדליה זי"ע, האט דער הייליגער מאור עינים געזאגט פאר רבי גדליה, לאמיר זיך משדך זיין דיין טאכטער פאר מיין אייניקל.

האט רבי גדליה געפרעגט פונעם מאור עינים, ווי אזוי ווילט איר איך זאל מיך משדך זיין מיט א יונגערמאן, וויבאלד רבי גדליה איז שוין דאן געווען א זקן און רבי מרדכי דער מגיד מטשעראביל זי"ע איז נאך דאן געווען א יונגערמאן, האט דער הייליגער מאור עינים זי"ע געזאגט בזה"ל, "אני אהיה עומד מן הצד".

אויך הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע האט געהאט א געוואלדיגע חביבות צום הייליגען צדיק וקדוש רבי גדליה זי"ע און אים גאר שטארק מחשב געווען, ווי מען זעט אז עס איז דא א מאמר אין לקוטי מהר"ן ווי רבי נחמן זי"ע שרייבט דארט דעם הלכה פון "אין מספידין בחנוכה", וואס דארט באציט ער זיך לגבי די הסתלקות פונעם צדיק רבי גדליה זי"ע וואס איז נסתלק געווארן אים חנוכה.

איינמאל האט די רבי געזאגט אויף איינעם אז ער איז שוין אין גן עדן 20 יאר, אבער ער איז נאכנישט אן געקומען צום אמת, האט מען געפרעגט דעם רבין, ווי אזוי קען זיין אז איינער קען זיין אין גן עדן אן אנקומען צום אמת, און אויך פון ווי ווייסט די רבי וואס גייט פאר אין גן עדן.

האט ער געענפערט אויף די ערשטע שאלה שטייט דאך אין פסוק, (שמות י"ח כ"א) וְאַתָּה תֶחֱזֶה מִכָּל הָעָם אַנְשֵׁי חַיִל יִרְאֵי אֱלֹקִים אַנְשֵׁי אֱמֶת, זעהט מען דאך פון דעם אז עס קען זיין א מענטש וואס איז א ירא אלקים אבער נישט קיין אמת'ע מענטש און דאך אנקומען אין גן עדן נאר פאר זיין יראה מהשי"ת, און וועגן די צווייטע שאלה זאגט דאך די גמרא שכל העונה אמן יהא שמיה רבא בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן, און ער קען אריין קוקען און זעהן וואס דארט טוט זיך.

ער האט איבער געלאזט נאך זיך זיין הייליגע ספר 'תשואות חן', וואס הרה"ק בעל הקדושת לוי מברדיטשוב זי"ע האט געשריבן אין זיין הסכמה בזה"ל, "שהם דברים העומדים ברומו של עולם", און אויך שרייבט דארט דער קדושת לוי זי"ע בזה"ל, "הרבה אנשים לא ירדו לדעת כוונת הרב המחבר מחמת עומקן".

ער האט איבער געלאזט נאך זיך זיינע הייליגע קינדער.

הרה"ק רבי שמואל יהודה לייב זי"ע, ממלא מקום אבין בליניץ, ער איז ליידער נפטר געווארן ביי די 36 י"ט כסלו בשנת תקע"ח,
הרה"ק רבי יצחק יואל זי"ע, ממלא מקום אחיו בליניץ, חתן הרה"ק רבי יעקב מלוברטוב זי"ע, דער זון איז אויך ליידער אוועק יונג ביי 35 יאר אלט כ"ה חשון בשנת תקפ"ח,
חתנו, הרה"ק רבי אליהו דב דומ"ץ באיוונצא זי"ע,
חתנו, הרה"ק רבי צבי ב"ר יוסף מקאמינקא זי"ע,
חתנו, הרה"ק רבי ישראל חיים מלודמיר זי"ע, בן הרה"ק רבי אברהם המלאך זי"ע,
חתנו, הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע, בן הרה"ק רבי מרדכי המגיד הגדול מטשערנאביל זי"ע,
חתנו, הרה"ק רבי יוסף מויניצה זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים כ"ט כסלו ה' דחנוכה בשנת תקס"ד, ומנוחתו כבוד איז אין די שטאט ליניץ און אוקריינע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**יארצייט פרייטאג כ"ט כסלו ה' דחנוכה**

**הרה"ק רבי ישראל ב"ר מרדכי שרגא פייבוש זי"ע,**
**(פריעדמאן), אדמו"ר מהוסיאטין,**

ער איז געבוירן אין שטאט הוסיאטין, ט"ז כסלו בשנת תרי"ח.

צו זיין טאטן הרה"ק רבי מרדכי שרגא פייבוש מהוסיאטין זי"ע,
בן הרה"ק רבי ישראל מרוזין זי"ע,
בן הרה"ק רבי שלום שכנא מפראהביטש זי"ע,
בן הרה"ק רבי אברהם המלאך זי"ע,
בן הרה"ק רבי דוב בער המגיד ממזריטש זי"ע.

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת ברכה דינה ע"ה,
בת הגה"ק רבי דוד צבי קובלונסקי זי"ע.

ביים ברית האט מען דעם קינד א נאמען געגעבן נאכן הייליגען זיידן דער רוזינער זי"ע, וואס איז נסתלק געווארן 7 יאר בעפאר, ב' מרחשון בשנת תרי"א.

ער איז געווען א ברודער מיט די דריי ברודער'ס צדיקים וקדושים.
הרה"ק רבי שלום יוסף מהוסיאטין זי"ע,
הרה"ק רבי מנחם נחום מהוסיאטין זי"ע,
הרה"ק רבי משה בעל דעת משה מבויאן קראקא זי"ע, הי"ד.

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א עובד השם במסירת נפש, צדיקים האבן מעיד געווען אויף זיין געוואלדיגע קדושה מיט וואס ער האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט, צדיקים האבן מעיד געווען, אז דער צדיק איז באמת געווען אויס געטון פונעם עולם הגשמי, ער האט זיין עבודת הקודש געטון מיט א געוואלדיגע הסתר און מען האט קיינמאל נישט געזען קיין מוראדיגע תנועות, דער צדיק האט כמעט נישט געזאגט קיין דברי תורה ביים טיש, נאר מען האט אים געהערט מירמלען בשעת דעם שולחן הטהור, אבער זיין צורה און זיין קדושה האט ארויס געשיינט, און דאס אליין האט מעורר געווען אידן צו תשובה און תיקון המעשים ורבים השיב מעון.

אבער אינעם יו"ט סוכות, האט דער צדיק אראפ געלייגט א געוואלדיגע עבודה, אבער פון אינדרויסן האט מען נישט געזען קיין גרויסע תנועות, נאר דער צדיק איז געשטאנען די גאנצע צייט מיט די ארבה מינים אין די האנט, און סוף דאווענען ווען מען האט אראפ גענומען דעם טלית, האט מען געזען ווי עס גיסט זיך ממש עמער'ס וואסער פון דעם צדיק פון גרויס דביקות ביי די עבודת התפלה.

ער איז נתחנך געווארן דורך זיין גרויסן טאטן זי"ע, און גאר אסאך תורה און עבודת השם האט ער קונה געווען פון זיין טאטן, און אלס יונג קינד איז ער שוין געווען מפורסם אלס א איש קדוש מאוד און א גאון בתורה, אבער ער האט זיך שוין דאן אלס יונג קינד באהאלטן מיט א געוואלדיגע הסתר, כדי קיינער זאל נישט וויסן באמת זיין גדלות און קדושה.

עס ווערט דערציילט כמה מעשיות, ווען דער צדיק רבי ישראל מהוסיאטין זי"ע איז נאך געווען א קליין קינד אפילו אלט זייענדיג נאר 3 יאר אלט, האט מען שוין געזען זיין גרויסע כח דקדושה און זיינע הייליגע אויגן, און זיין גרויסע טאטע האט אים דאן כמה פעמים מעורר געווען, אז מען ברויך נישט אלעס מגלה זיין, נאר מען ברויך זיך פירן מיט א הסתר.

ביי די 14 יאר אלט האט ער חתונה געהאט בזיווג ראשון מיט הרבנית הצדקת מרת נחמה גיטל ע"ה,
בת הרה"ק רבי אבי עזרא זעליג שפירא ממוגלניצא זי"ע, (חתן דודו הרה"ק רבי אברהם יעקב מסדיגורה זי"ע),
בן הרה"ק רבי חיים מאיר יחיאל השרף ממוגלניצא זי"ע.

פון די זיווג ראשון האט דער צדיק געהאט צוויי טעכטער, אבער ליידער איז די רעבעצין נפטר געווארן בשנת תרנ"ב.

דאן האט ער חתונה געהאט בזיווג שני מיט הרבנית הצדקת מרת שרה ע"ה,
בת הרה"ק רבי חיים האגער בעל טל חיים מאונטינא זי"ע,
בן הרה"ק רבי ברוך האגער בעל אמרי ברוך מווישניץ זי"ע,
בן הרה"ק רבי מנחם מענדל האגער בעל צמח צדיק מווישניץ זי"ע,
בן הרה"ק רבי חיים האגער בעל תורת חיים מקוסוב זי"ע,
בן הרה"ק רבי מנחם מענדל בעל אהבת שלום מקוסוב זי"ע,
בן הרה"ק רבי יעקב קאפיל חסיד זי"ע.

כ"ב אייר בשנת תרנ"ד ווען זיין טאטע הרה"ק רבי מרדכי שרגא פייבוש זי"ע איז נסתלק געווארן, האט מען אויף גענומען דעם זוהן רבי ישראל אלס ממלא מקום אין שטאט הוסיאטין, און גאר שנעל האבן זיך די חסידים פונעם טאטן מדבק געווען צום הייליגען זוהן, דאן איז דאס חסידות גאר שטארק געוואקסן, הונדערטער אידן יראים ושלמים זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק, און געקומען זעהן זיין געוואלדיגע עבודת השם בקדושה וטהרה.

ער איז געווען מפורסם מיט א דמות מיוחדת נוראות וכל כולו קדוש, און אזוי ווי זיין טאטן האט ער זיך געפירט מיט א געוואלדיגע שתיקה און הסתר, ער האט גאר שטארק ממעט געווען מיט זיין רעדן און אויך מיטן זאגן דברי תורה, נאר איז געזעצן דעם גאנצן טיש און געמירמלט צו זיך, אבער זיין צורה און נאר אפילו שטיין נעבן דעם צדיק האט מעורר געווען אידישע קינדער צו תשובה און תיקון המעשים, אויך האט זיך אסאך מאל ארויס געכאפט ווערטער פון וואס מען האט געזען אז דער צדיק איז א בקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר.

בשנת תרע"ד ווען עס האט אויס געבראכן די ערשטע וועלט מלחמה, און דער שטאט הוסיאטין איז געווען אין פולין אינעם געגענט ווי עס איז געווען די מלחמה, איז דער צדיק דאן אזוי ווי אסאך רבנים אנטלאפן קיין ווינה, דארט האט דער צדיק ווייטער געפירט דעם חצר החסידות הוסיאטין, טויזנטער אידן פון ווינה האבן זיך דאן מדבק געווען אין דעם צדיק וקדוש זעענדיג זיין גדלות בתורה ועבודת השם.

בשנת תרצ"ז האט זיך דער צדיק אריבער געצויגען קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין שטאט תל אביב, דארט איז דער צדיק געווארן מפורסם אין גאנץ ארץ ישראל אלס א איש קדוש מאוד, אלע גדולים וצדיקים פון ארץ ישראל האבן דעם צדיק מעריץ און מכבד געווען, הרה"ק רבי שלמה'קע מזוועהיל זי"ע האט זיך אמאל אויס געדריקט אויפן צדיק רבי ישראל מהוסיאטין זי"ע בזה"ל, "ער איז דער צדיק הדור".

ווי באקאנט האט דער הייליגער הוסיאטינער רבי זי"ע געהאט א שטארקער חיבת הארץ, און שטענדיג משתוקק געווען ארויף צו גיין קיין ארץ ישראל, און דעריבער איז דער צדיק ארויף קיין ארץ ישראל בשנת תרצ"ז, און ווי ער איז פארביי געפארן זענען זיך צוזאמען געלאפן טויזנטער אידן זיך פון איהם צו געזעגענען, און דערביי האט

זיך דער צדיק געבעטן ביי די אידן, צו פארלאזן די ברענענדיגע ערד, ווייל דער צדיק האט שוין דאן מרגיש געווען אז עס קומט שווערע צייטן אויף אידן.

אויך אין קראקא האט ער געזאגט, "ווער עס האט שכל זאל שוין אנטלויפן אפילו מיט די פאנטאפל', אין לעמבערג האט ער געזאגט, "ווער עס קען פארקויפן זיינע זאכן זאל פארקויפן, און ווער עס קען נישט זאל איבערלאזן אלסדינג און אנטלויפן מיט די טורבע אויפן פלייצע", און עס זענען טאקע געווען גאר אסאך קלוגע אידן וואס האבן צו געהערט די ווערטער פון דעם צדיק, און אין דעם זכות זענען זיי געראטעוועט געווארן פון די צרות אפאר יאר שפעטער.

בשנת תש"ב ווען די צייטן אין ארץ ישראל איז געווען גאר אן געצויגן, צוליב די צווייטע וועלט מלחמה, ווען די נאציס ימ"ש האבן זיך דערנעטערט פון מצרים, און מען האט נישט געוויסט וואס עס וועט פאסירן דארט אין ארץ ישראל, איז דער צדיק רבי שלומקע מזוויעהל זי"ע צוזאמען מיטן צדיק הרה"ק רבי ישראל מהוסיאטין זי"ע אריבער צום קבר פונעם אור החיים הקדוש זי"ע אויפן הר הזיתים, צו מתפלל זיין פאר הצלת אחינו בני ישראל בארץ ישראל הנתונים בצרה.

דאן האט הרה"ק רבי ישראל מהוסיאטין זי"ע געזאגט, אז די נאציס וועלן נישט אנקומען קיין ארץ ישראל, ווייל די צוויי צדיקים האבן געזעהן דעם שם הוי' שיינען ווי א פייער ארום דעם קבר פונעם אור החיים הקדוש זי"ע.

דער צדיק וקדוש איז געווען א איש הפלא, הונדערטער מעשיות ווערט דערציילט פון אידן וואס זענען געקומען זיך מזכיר זיין ביים צדיק פאר ישועות ורפואות, און הונדערטער אידן האבן געזען אפענע מופתים און גרויסע ישועות חוץ לדרך הטבע ביי דעם צדיק, מען האט ביי אים געזען אפענע רוח הקדוש ווי דער צדיק האט פאר געזאגט זאכן און עס איז מקיים געווארן ווי חז"ל זאגן, "צדיק גוזר והקב"ה מקיים", און אויך ווי די פסוק שרייבט, "רצון יראיו יעשה".

ער האט איבער געלאזט נאך זיך זיינע צוויי איידעמער.

חתנו, הרה"ק רבי יעקב פריעדמאן זי"ע, ממלא מקום חותנו, בן הרה"ק רבי יצחק מבוהוש זי"ע,
חתנו, הרה"ק רבי מנחם נחום פריעדמאן מהוסיאטין לעמבערג זי"ע, בן הרה"ק רבי שלום יוסף פריעדמאן מהוסיאטין זי"ע.

דער צדיק וקדוש מהוסיאטין זי"ע האט געבעטן אין זיין צוואה, אז מען זאל אים לאחר פטירתו מקבר זיין אויפן הר הזיתים, אבער אויב דאס וועט נישט מעגליך זיין, דאן זאל מען אים לייגן אין צפת אדער טברי', ולפלא ווען דער צדיק איז נסתלק געווארן, האבן די ירדנ'ער דאן געוועלטיגט אויף ירושלים, און דערפאר איז נישט געקומען אין באטראכט אים צו לייגן דארט אויפן הר הזיתים אין ירושלים, און ס'איז געווען פרייטיג, דעריבער איז שווער געווען מסדר צו זיין אין צפת, האט מען איהם געלייגט אין בית החיים הישן אין טברי', און די לעצטע ווערטער פונעם צדיק בעפאר ער איז נסתלק געווארן איז געווען, "מַלְכוּתְךָ מַלְכוּת כָּל עֹלָמִים", און מיט די ווערטער איז דער צדיק נסתלק געווארן.
נסתלק לגנזי מרומים כ"ט כסלו ה' דחנוכה בשנת תש"ט, זייענדיג 91 יאר אלט, ומנחתו כבוד איז אינעם ביה"ח הישן אין שטאט טברי'.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

**דער הייליגער צדיק רבי ישראל הוסיאטינער זי"ע** איז געווען א סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, ער האט געדרייעט וועלטן עולמות ומלואו און באוויזן מופתים חוץ לדרך הטבע, דער צדיק האט זיך געדרייעט דא אויף דער וועלט ווי א פשוטער מענטש, ער איז געגאנגען יעדן טאג שפאצירן, און געלייענט די צייטונג אויפן גאס, און פשוטע מענטשן האבן געקענט מיינען אז דא רעדט זיך פון א פשוטע איד, אבער ווי מען ווייסט צו דערציילן אויף אים איז ער געווען אויסגעטוהן פונעם עולם הגשמי, האט דערציילט איינע פון די מקורבים, אז אסאך מאל ווען מען האט געטראפן דעם צדיק ליינען די צייטונג, איז דאס געווען ארום געדרייט אויף די פארקערטע זייט, דער צדיק האט דאס נאר געטון צו באהאלטן דעם אמת.

**עס ווערט דערציילט א מעשה נורא**, וואס ווייזט נישט אזוי ווייט דאס גדלות פון דעם צדיק, נאר אסאך מער דאס אז ער איז געווען באמת אויסגעטוהן פון דער וועלט, דער הוסיאטינער רבי איז אמאל געגאנגען אויף רחוב אלעמבי, און עס איז אים שטארק געפאלן אפאר שיך וואס ער האט געזעהן אין די שוי קעיס פון א פרויען שיך געשעפט, איז ער אריין אין געשעפט, און זיך איינגעהאנדלט אזא פאר שוך, און דערביי האט ער איבער געלאזט זיין אייגענע שוך אין געשעפט, און אהיים געגאנגען מיט די שיך.

אבער ווען ער קומט אהן אהיים האבן די בני בית געזעהן וואס דא גייט פאר, האבן זיי זיך געבעטן ביי אים אז ס'פאסט נישט אז דער רב זאל גיין מיט די שיך, אבער ער האט פון גארנישט געוואלט הערן, און ער האט געזאגט פאר די שטוב מענטשן, אז ער פארשטייט נישט וואס ס'איז שלעכט דערמיט, ביז איינער האט זיך אנגערופן אז ס'איז פרויאישע שוך, האט ער דאס געגעבן א טראסקע אוועק, און דערנאך האט נאר איינער געדארפט צוריק גיין אהין אין געשעפט אים ברענגען זיינע פאר שוך, אבער דאס ווייזט ווי אויס געטון דער צדיק איז געווען פונעם עולם הגשמי, אז ער האט באמת נישט געוויסט דער חילוק.

**הגה"ח ר' שלמה שרייבער ע"ה האט דערציילט** בשם הרה"ח ר' לוי פיק ע"ה, איינמאל האט זיך געמאכט א פרוי וואס איז געווען אן עגונה שוין 12 יאר, איז זי געקומען זיך מזכיר זיין ביים טאטן הרה"ק רבי מרדכי שרגא פייבוש זי"ע און בעטן א ברכה, אז דער באשעפער זאל שוין העלפן אז מען זאל שוין טרעפן די מאן און זי זאל באפרייט ווערן, אבער וויבאלד זי איז אנגעקומען אין די ימים נוראים צייט, זענען דארט ביים טיר פונעם רבין געשטאנען הונדערטער אידן וואס האבן געוואלט אריין גיין צום רבין.

די פרוי איז געווען שטארק בצער און נישט געוויסט וואס זי זאל טון, זענען דארט געווען אנדערע פרויען און זיי האבן גע'עצה'ט די פרוי, אז זי זאל זיך גיין מזכיר זיין ביים קינד פונעם רבין, ישראל'יק וואס איז דאן געווען גאר יונג, אבער איז שוין געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע כוחות, בלית ברירה איז די פרוי צו געגאנגען צום קינד, און זי האט אנגעהויבן רעדן צום קינד, דאן האט דער קינד געפרעגט די פרוי וואס זי וויל, האט די פרוי דערציילט, אז ליידער איז די מאן שוין נישט אינדערהיים פאר איבער 12 יאר, האט דער קינד געזאגט פאר די פרוי, אז די מאן איז אין יענעם פלאץ, נישט ווייט פון ווי זי וואוינט.

די פרוי האט נישט געקענט גלייבן וואס זי הערט און נישט געוויסט וואס צו טון, וויבאלד דער מאן איז דאך אזוי נאנט צום שטוב, איז פארוואס קומט ער נישט אהיים צו זיין משפחה, האט זי געווארט נאך א טאג צוויי ביז זי האט געקענט אריין גיין צום רבין,

און ווען זי האט זיך מזכיר געווען ביים רבין האט די רבי' איר גארנישט געזאגט, האט די פרוי געזאגט פארן רבין וואס דער קינד האט איר געזאגט.

האט די רבי געזאגט פאר די פרוי, "אויב מיין קינד האט אזוי געזאגט, זאלט איר אהין פארן", די פרוי האט געפאלגט וואס די רבי האט געזאגט, און לפלא האט מען טאקע געטראפן דעם מאן, וואס איז ליידער געווען פארכאפט אין די מיליטער, און ביז יעצט איז ער געווען אין א ווייטע פלאץ, און נאר יעצט האט מען אים צוריק געברענגט דא נעבן זיין שטוב, אבער נאך די מעשה האט דער טאטע אריין געריפן זיין קינד, און האט אים געזאגט, "אז מען ברויך באהאלטן די כוחות און דאס נישט מפרסם זיין, ווייל מען ברויך זיך פירן בהסתר".

**דער צדיק איז געווען מפורסם אלס א איש קדוש מאוד**, און אפילו די גוים האבן געהאט א גרויסע יראת הכבוד פאר דעם צדיק, מען דערציילט, אז דער צדיק איז גאר אסאך געגאנגען דאווענען ביים כותל המערבי, און יעדן טאג ווען ער איז געגאנגען, זענען אפילו די גוים די אראבער'ס געשטאנען און באטראכט דעם הייליגען צורה פונעם צדיק, האט מען איינמאל געהערט ווי איין גוי פרעגט דעם אנדערן גוי, ווער איז דער איד, האט דער אנדערע גוי אים געזאגט, "דאס איז דער מלך ישראל".

**ווערט דערציילט**, אז די גאנצע צייט וואס זיין גרויסע טאטע דער צדיק רבי מרדכי שרגא פייבוש זי"ע איז ליידער געווען קראנק בעפאר ער איז נסתלק געווארן, האט דער זון דער צדיק רבי ישראל זי"ע געהאט גרויס צער און עגמת נפש, און ער האט זיך אפילו נישט אויס געטון די שוך בייגאכט ווען ער האט זיך צו געלייגט פון גרויס צער, אבער ווען מען איז צוריק געקומען פון די לוי', און מען האט זיך געברויכט זעצן שבעה, האט דער זון רבי ישראל געזאגט, ווי אזוי קען מען זיך זעצן שבעה אויף דער ערד, ווען מען זעהט די גרויסע שמחה וואס איז נתעורר געווארן בעולם העליון, ווען די הייליגע נשמה פונעם טאטן איז ארויף לגנזי מרומים.

**ווי באוויסט האט זיך דער צדיק רבי ישראל מהוסיאטין זי"ע** גאר שטארק באהאלטן זיין גאנץ לעבן, איינמאל האבן די חסידים געזעהן דעם רבין לערנען אינעם ספר עץ חיים פון הגה"ק רבי חיים ויטאל זי"ע, האבן די חסידים געשמיעסט צווישן זיך, אז מן הסתם האט די רבי געהאט גילוי אליהו ז"ל, ווייל עס איז געווען מקובל פונעם זיידן דער הייליגער רוזינער זי"ע, אז נאר ווער עס האט גילוי אליהו מעג לערנען דעם ספר עץ חיים, ווען דער צדיק רבי ישראל האט דאס געהערט האט ער זיי געזאגט בזה"ל, "א איד וואס זאגט ביים דאווענען די ווערטער 'וְאַתָּה מוֹשֵׁל בַּכֹּל', און איז מכוון מיט א אמת, דער קען לערנען דעם ספר עץ חיים".

**דער צדיק רבי ישראל מהוסיאטין זי"ע האט אמאל דערציילט**, אז אלס קליין קינד פלעגט ער אסאך ארויס פארן מיטן טאטן שפעט פרישע ליפט אינעם וואלד, איינמאל ווען ער איז געווען מיטן טאטן אין וואלד, האט ער אנגעהויבן הערן קולות שרייען, "רבי העלף אונז מיט א תיקון", אבער ער האט נישט געזען קיינעם דארט, האט ער געפרעגט דעם טאטן, "טאטע וואס זענען די אלע קולות וואס בעטן א תיקון".

האט זיך דער טאטע אויס געדרייט צום קינד און געפרעגט, "די הערסט טאקע די קולות", ווען איך האב פארן טאטן געזאגט, אז, יא איך הער דאס, האט מיר דער טאטע געזאגט, איך בין גוזר אויף דיר אז די זאלסט דאס קיינעם נישט דערציילן, און דאן האט דער טאטע דורך געפירט די הייליגע הענט אויף מיין אויער, און פון דאן האב איך מער נישט געהערט די קולות.

שפעטער נאך די הסתלקות פונעם טאטן, האב איך דאס דערציילט פאר די מאמע, האט די מאמע מיך געפרעגט, די האסט דאס אויך געהערט, ווייל איך האב אויך אמאל אמאל געהערט די קולות, און דאן ווען איך האב איינמאל דערציילט פארן טאטן דערוועגן, האט מיר דער טאטע געזאגט, אז איך זאל דאס פאר קיינעם נישט דערציילן, כדי דאס זאל אים נישט מזיק זיין פאר זיין אריכת ימים, אבער יעצט נאך די הסתלקות פונעם טאטן קען איך דאס שוין דערציילן, און איך פריי מיך אז די האסט דאס אויך געהערט.

**אן אינטערעסאנטע סיפור האבן חסידים פארציילט**, אז אמאל אלס קינד האט איהם א חסיד געפונען האלטנדיג א גרויסער קיכל אין דער האנט און ער וויינט, פרעגט איהם דער חסיד, פארוואס וויינסטו, זאגט ער ווייל ער וויל עסן, אויב אזוי דאן עס, זאגט דער חסיד, ענטפערט דער קליינער קינד מיט א פשטות, דער טאטע האט מיר געזאגט אז ווען ס'וויל זיך, איז בעסער נישט צו עסן, און איך וויל דאך עסן, אבער איך קען נישט.

**זיין איידעם דער אהלי יעקב שרייבט**, נאך די פטירה איז אריין געקומען אמאל א איד נישט קיין שומר תורה ומצוות אין שטוב, און דער איד האט שטארק געוויינט, האב איך געפרעגט, וואס וויינט איהר אזוי, האט ער געזאגט, איין מאל בין איך געגאנגען אויפ'ן גאס, און דער רבי דער צדיק ר' ישראל מהוסיאטין זי"ע איז מיר אנטקעגן געקומען, און האט מיר צו געריפען, און אויס געפרעגט וואס איך מאך און ווי גייט מיר די ביזנעס, אלעס מיט א גרויס ליבשאפט, און איך פלעג דאן נאך גיין מיט א הויל'ן קאפ אין די גאס, אבער פון דאן האב איך אנגהויבן צו גיין מיט א הוט לכבודו, דאס איז געווען די גרויסע השפעה אויף מיר, בלויז פון איין שמועס.

**דער גבאי ביים הייליגען צדיק רבי ישראל מהוסיאטין זי"ע** האט דערציילט, אז בשעת די צווייטע וועלט מלחמה איז אנגעקומען קוויטלעך צום רבין, פון אידן וואס זענען ליידער געווען אין צרות ביי די דייטשן ימ"ש, און עס זענען דארט געשטאנען אסאך נעמען פון אידן וואס האבן זיך מזכיר געווען, און לפלא ווען דער צדיק האט באקומען דעם קוויטל, האט ער גענומען א פעדער און האט פארמעקט אפאר נעמען פונעם קוויטל, און לפלא איז דער גבאי שפעטער געוואר געווארן, אז די אלע נעמען זענען שוין ליידער נישט געווען בין החיים, און דער צדיק האט דאס אלעס געזען ברוח קדשו.

**אין שטאט חיפה איז געווען א איד** וואס איז דארט ארויף געקומען נאך די צווייטע וועלט מלחמה, און דער איד איז ליידער געווען שטארק צובראכן פון די אלע צרות וואס ער איז ליידער דורך, און דער איד איז אריין געקומען צום הייליגען צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע, און דער איד האט געבעטן דעם צדיק א עצה זיך צו קענען שטארקן מיט זיין אמונה, האט אים דער בעלזא רב זי"ע געזאגט, פאר דעם ברויך מען רעדן צו דעם צדיק מהוסיאטין.

האט דער איד געשיקט א שליח וואס זאל אים מזכיר זיין ביים הייליגען הוסיאטינער, האט אים דער צדיק מהוסיאטין צוריק געשיקט און געזאגט בזה"ל, "איך כעל דיר זאגן וואס איך טו, יעדע נאכט בעט איך דעם גרויסן באשעפער, אז ער זאל מיר העלפן אז איך זאל מיך מחזק זיין מיט מיין אמונה, און דאס קענסטו אליין אויך טון", און דאס האט דער הייליגער צדיק באמת געהאלטן פון זיך, און טאקע דאס האט ער אריין געלייגט אויך אין אנדערע אידן, די פשוטע ריינע אמונה אינעם באשעפער וואס הערט אויס די תפילות פון יעדן איד.

## יארצייט שבת קודש ל' כסלו ו' דחנוכה

## הרה"ק רבי יהודה יצחק ליבוש ב"ר חיים מרדכי זי"ע,
## (תאומים פרענקל), בעל מעט מים, אב"ד סאניק,

ער איז געבוירן אין שטאט לינסק, בשנת תקפ"ה.

צו זיין טאטע הגה"ק רבי חיים מרדכי אב"ד לינסק זי"ע,
בן הגה"ק רבי יהודה ליבוש תאומים פרענקל בעל שני צמידים זי"ע,
מגזע הגה"ק רבי יונה תאומים פרענקל בעל קיקיון דיונה זי"ע.

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת חנה ע"ה,
בת הר"ר יצחק מאיר ז"ל.

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א צדיק נשגב, חסידא ופרישה, ער איז געווען א גאון וגדול בתורה און א חריף עצום און א בקי נפלא בתורה, דער גאון האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער איז געווען מפורסם אלס איינע פון די גדולים בתורה בדורו, און רוב גדולים וצדיקים בדורו האבן דעם גאון גאר שטארק מעריץ און מכבד געווען, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע צדקות און פרישות און מיט זיין געוואלדיגע קדושה מיט וואס ער האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט.

יונגערהייט האט ער געלערנט תורה ביי הרה"ק רבי צבי הירש בעל בארות המים מרימנוב זי"ע, אויך האט ער געלערנט גאר אסאך פון זיין תורה ביים צדיק וקדוש רבי שלום מקאמינקא זי"ע, און גאר אסאך פון זיין תורה און עבודת השם בחסידות האט ער מקבל געווען פון די צוויי צדיקים.

שפעטער איז ער געגאנגען לערנען תורה ביים הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע, און גאר שנעל איז ער געווארן פון די תלמידים מובהקים פונעם הייליגען צאנזער רב זי"ע, און דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט געהאט א ספעציעלע חביבות צו דעם תלמיד, און מען קען זעהן ווי זיין רבי דער הייליגער דברי חיים זי"ע דריקט זיך אויס אין איינע פון זיינע תשובות, און ריפט אן זיין תלמיד רבי יהודה יצחק זי"ע בשם, "גדול הדור".

ער האט חתונה געהאט מיטן טאכטער פון הגה"ק רבי מאיר ענגלארד מסאניק זי"ע.

בשנת תרי"ח זייענדיג בערך 33 יאר אלט, האט מען דעם גאון אויף גענומען אלס רב אין שטאט סאנוק, און דארט האט דער גאון געדינט אלס רב ביז צו זיין הסתלקות, ער האט דעם שטאט געפירט מיט א געוואלדיגע שטארקייט און ביד רמה, און די אידן פון שטאט האבן דעם רב גאר שטארק מכבד געווען און געהאט א געוואלדיגע אהבה צום גאון וצדיק.

ער האט דארט עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, אבער מיט דעם אלעם האט דער גאון עוסק געווען אין אלע ענינים און צרכים פון שטאט, סיי בעניני כשרות איז דער רב געשטאנען על המושמר, אויף דעם מקוה טהרה און דעם תלמיד תורה האט דער רב מיט א מסירת נפש אויף געשטעלט, ער האט יעדן טאג געגעבן שיעורי תורה פאר די בעלי בתים אין גדולים פון שטאט, ער האט אינעם שטאט אויף געשטעלט א הכנסת אורחים ממש נעבן דעם בית הכנסת, ווי די עניי העיר און אורחים וואס זענען געקומען צום שטאט האבן געקענט איינשטיין און עסן.

ער איז געווען מפורסם אין גאנץ פולין אלס דער גאון וגדול בתורה, אלע צדיקים און גאונים בדורו האבן זיך מיט דעם גאון געשריבן אין תורה, ער איז געווען א איש קדוש מאוד און זיך געפירט זיין גאנץ לעבן מיט א געוואלדיגע קדושה, גאר אסאך אידן יראים ושלימים האבן זיך מדבק געווען אין דעם צדיק און זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו.

אלע גדולים און אויך זיינע רבי'ס האבן גאר שטארק מעריץ געווען זיין גדלות בתורה, ובתוכם זיין רבו מובהק הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע.

ווי עס ווערט דערציילט, אז דער באליבטער צאנזער אייניקל הרה"ק רבי שלמה מבאבוב זי"ע ווען ער איז נאך געווען רב אין שטאט בוקאווסק, וואס איז געווען אינעם געגענט פון שטאט סאנוק, האט ער אמאל סוף ימיו פונעם זיידן דער צאנזער רב זי"ע, אן געפרעגט א שאלה אין הלכה פונעם זיידן, און ווי באקאנט האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע סוף ימיו שוין נישט גע'פסק'נט קיין הלכה למעשה אפילו ביי זיך אין שטוב אויך נישט, האט ער דאן אבער געמאכט אן אויסנאם, און צוריק געשיקט א תשובה פארן אייניקל רבי שלמה מבאבוב זי"ע, אבער האט צו געשריבן בזה"ל, "ולכן אתה ידידי תשלח דברי להגאון מסאנוק, אם יסכים כן תעשה".

הרה"ח ר' אברהם אהרן פרענקל ע"ה האט דערציילט, אז א זקן אחד פון די תושבי סאנוק האט דערציילט, אז ער האט אמאל געהאט די זכי' צו זעהן אסאך מכתבים וואס דער גאון האט זיך כסדר געשריבן מיט די גדולים וצדיקים בדורו, און צווישן די מכתבים האט ער געטראפן א מכתב, וואס דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט געשריבן בזה"ל, "שהיות שלומד תורה לשמה, כוחו רב לברר הלכה ברורה, על כן יברר לו ענין אחד בדיני בתיכת סת"ם".

די ווייב פון הרה"ח ר' נפתלי ליפשיץ ע"ה וואס איז געווען א אייניקל פונעם צדיק וקדוש מסאנוק האט דערציילט א מעשה נורא, אז איין וואך זונטאג איז דער זיידע דער צדיק רבי יהודה יצחק מסנוק זי"ע געזעצן ביי א דין תורה, און איינע פון די מענטשן דארט האבן מעורר געווען דעם גאון, אז איין וואנט פון זיין שטוב האט שפאלטענע'ס, גלייך נאכן דין תורה האט דער זיידע געזאגט פאר זיינע שטוב מענטשן, אז ער האט ביז יעצט אויך געוויסט אז די וואנט זענען געשפאלטן, אבער וויבאלד די מענטשן פון גאס ווייסן שוין, ברויך ער זיך ארויס ציען פונעם הויז, דער צדיק האט זיך טאקע ערב שבת קודש ארויס געצויגען פון זיין הויז, און לפלא שבת קודש צופרי איז די גאנצע בנין צוזאמען געפאלן, ויהי לפלא.

ער האט איבער געלאזט נאך זיך זיינע גרויסע חיבורים יקרים.

ספר שני צמידים,
ספר מעט מים,
ספר מחיר חלב.

ער האט איבער געלאזט נאך זיך זיינע הייליגע קינדער.

הרה"ק רבי יעקב שלמה פרענקל זי"ע, חתן הרה"ק רבי אברהם אהרן מקאלבסוב זי"ע, בן הרה"ק בעל ייטב לב מסיגוט זי"ע,
הרה"ק רבי אפרים פרענקל אב"ד סאנוק זי"ע,
הרה"ק רבי חיים מרדכי פרענקל זי"ע,
הרה"ק רבי בעריש פרענקל זי"ע,
הרה"ק רבי אברהם פרענקל מגארליץ זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים ל' כסלו א' דראש חודש טבת ו' דחנוכה בשנת תרנ"ד, ומנחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט סאנוק.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**יארצייט שבת קודש ל' כסלו ו' דחנוכה**

**הרה"ק רבי ברוך ב"ר מאיר זי"ע, (רובין),**
**בעל שארית ברוך, מבריזדוביץ,**
**"הנקרא ר' ברוכ'ל מקאלאמייער"**

ער איז געבוירן אין שטאט דאמבראוואו, ה' אדר ב' בשנת תרכ"ד.

צו זיין טאטן הרה"ק רבי מאיר רובין בעל מבשר צדק מגלוגוב זי"ע,
בן הרה"ק רבי מנחם מענדל רובין מגלוגוב זי"ע, (חתן הרה"ק רבי מאיר בעל אור לשמים מאפטא זי"ע),
בן הרה"ק רבי אשר ישעיה רובין בעל אור ישע מראפשיץ זי"ע,
חתן הרה"ק רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ זי"ע.

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת מירל גאלה ע"ה,
בת הרה"ק רבי יוסף אונגאר מדאמבראוואו זי"ע, (חתן הרה"ק רבי משה מקאזניץ זי"ע, בן הרה"ק המגיד מקאזניץ זי"ע),
בן הרה"ק רבי מרדכי דוד אונגאר מדאמבראוואו זי"ע.

דער צדיק רבי ברוך'ל זי"ע איז געווען א ברודער מיט די דריי צדיקים קדושים.
הרה"ק רבי חיים יחיאל מדאמבראוואו זי"ע,
הרה"ק רבי שלום ריישא זי"ע,
הרה"ק רבי יצחק טוביה מצאנז זי"ע.

ער איז געווען א איש קדוש וטהור מאוד, א עניו וחסיד, א גאון בתורה און א מתמיד עצום, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל הוראה נפלא, און ער האט זיך געשריבן מכתבים בהלכה מיט גרויסע גאונים און צדיקים בדורו וואס האבן אלע באוואונדערט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און זיין חכמה און קלארקייט בהלכה, ער האט געדינט דעם באשעפער מיט מסירת נפש.

שוין פון אלס יונגער בחור איז דער צדיק געווען מפורסם אלס א גרויסער עילוי און למדן בהתמדה רבה, ער האט זוכה געווען צו באקומען הוראה פון גדולים און גאונים בתורה, וואס אלע האבן גאר שטארק משבח געווען זיין גדלות בתורה און זיין כח הוראה ובתוכם הגה"ק רבי אריה לייבוש הורוויץ בעל הרי בשמים מסטאניסלאב זי"ע וואס האט דעם צדיק גאר שטארק משבח געווען און מפליא געווען זיין געוואלדיגע גדלות בתורה, אויך אויף זיין גרויסע התנהגות דקדושה און זיין געוואלדיגע יראת שמים ווערט דערציילט גדולות ונצורות.

ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע מורה הוראה, ער האט געהאט צענדליגע שו"ת וואס ער האט זיך געשריבן מיט גדולי דורו אין שווערע און קאמפלעצירטע הלכות, ליידער זענען רוב פון די כתבי ידות פארלוירן געווארן ביים צווייטע וועלט מלחמה.

ער האט געהאט די זכי' אז ביי די פינעף יאר כ"ה תמוז בשנת תרכ"ט איז ער געווען ביים הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע, ווען זיין טאטע האט אים מיט גענומען צום רבין, דאן האט ער זוכה געווען צו א געוואלדיגע התקרבות פונעם צאנזער רב זי"ע, עס איז באוויסט אז ער האט זוכה געווען אז די דברי חיים זי"ע האט געגעסן מיט אים פונעם זעלבן טעלער.

שפעטער האט ער זיך מדבק געווען אלס תלמיד מובהק פונעם זון הרה"ק בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע, אויך ביים זון דער הייליגער שינאווער רב האט דער צדיק זוכה געווען צו א געוואלדיגע חביבות און הערצה, דער שינאווא רב זי"ע האט אים זייער ליב געהאט און ארויס געוויזן א ספעציעלע חביבות צו דעם צדיק, ער איז געווען איינע פון די 10 בעלי תפילות ביים שינאווא רב זי"ע, וואס ווי באוויסט איז דער צדיק רבי ברוך'ל זי"ע געווען א גאר שיינע בעל תפלה נפלא מאוד און א גרויסע בעל רגש.

דער צדיק רבי ברוך זי"ע האט געזאגט, אז ער האט מקובל פון זיין גרויסן רבין דער הייליגער שינאווא רב זי"ע, אז אויב א איד האט א דאלעמע ביי א שידוך אויב ער זאל דעם שידוך טון אדער נישט, זאל ער זיך שטעלן אויף א ענין, און אויב איז דער שידוך באשערט פון אויבן, וועט די אנדערע זייט נאכגעבן.

אויך האט דער צדיק רבי ברוך זי"ע נאך געזאגט בשם דעם טאטן הרה"ק רבי מאיר מגלגוב זי"ע, אז דער זיידע דער הייליגער מגיד מקאזניץ זי"ע איז איינמאל נישט געזונט געווען, האט ער געבעטן זיין זון הרה"ק רבי משה'לע מקאזניץ זי"ע, אז ער זאל אים געבן א ברכה, "אז ער זאל האבן א רפואה אזוי ווי א גוי", און דער זיידע האט דאס מסביר געווען, אז זיין כוונה איז, אזוי ווי א גוי האט א רפואה אפילו נישט האבענדיג קיין זכות, אזוי וויל ער אויך האבן א רפואה שלימה אן קיין זכות, ווייל דער מגיד האט נישט געוואלט מען זאל לכבוד דעם מנקה זיין א זכות מעולם העליון.

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת שרה שלאמצא ע"ה,
בת הרה"ק רבי מנחם מענדל אייכענשטיין מזידיטשוב זי"ע,
בן הרה"ק רבי יצחק אייזיק בעל פירוש מהרי"א מזידיטשוב זי"ע,
בן הרה"ק רבי ישכר בעריש מזידיטשוב זי"ע,
בן הרה"ק רבי יצחק אייזיק מספארין ראש שושלת זידיטשוב קאמארנא זי"ע,
נכד הגה"ק רבי יום טוב העללער בעל תוספות יו"ט מקראקא זי"ע.

נאך זיין חתונה האט ער געוואוינט אין שטאט קאלייעוו נעבן זיין שווער, דער שווער וויסענדיג די גדלות בתורה פונעם איידעם און זיין געוואלדיגע קדושה, האט אים אויס געהאלטן ער זאל קענען בלייבן זיצן און לערנען, דארט איז דער צדיק געוואקסן אין תורה אויף א גאר הויכע פארנעם, ער איז דאן געווארן מפורסם מיט זיין חריפות בתורה, אויך איז ער דאן באוויסט געווארן מיט זיין גרויסע כח הוראה וואס גרויסע גדולים און גאונים האבן זיך גערעכנט מיט זיינע תשובות.

בשנת תרנ"ה האט מען דעם רבין אויף גענומען אלץ רב אין שטאט ריזדאוויץ, זיין טאטע האט נאך דאן געלעבט, און זיין שווער הרה"ק רבי מנחם מענדל מזידיטשוב זי"ע האט געגעבן פארן איידעם א הבטחה, אז ווילאנג ער וועט וואוינען אין שטאט ריזדאוויץ, וועט דארט נישט זיין קיין שריפות, הודערטער אידן זענען דאן געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש און פאר א עצה ותושי', בפרט אין עניני הלכה איז ער געווען דאן פון די גרעסטע מורה הוראות אין גאנצן געגענט.

משום איזה סיבה האט דער צדיק געברויכט פארלאזן דעם שטאט ריזדאוויץ, דאן האט ער זיך אריבער געצויגען קיין קאלאמייא, דארט האבן די חסידי זידיטשוב אים אויף גענומען מיט גרויס כבוד און הערצה, אויך דארט איז ער גאר שנעל מפורסם געווארן מיט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און זיין גרויסע קדושה.

ביי די ערשטע וועלט מלחמה איז די רבי אנטלאפן קיין דעעש, און בשנת תרע"ז איז ער אריבער וואוינען צו די שטאט סאמאש איואר אין רומניה, און דארט איז ער שוין געבליבן ביז צו זיין פטירה.

ליידער רוב פון זיינע הייליגע דברי תורה זענען פארלוירען געווארן ביי די צווייטע וועלט מלחמה, א קליינער חלק פון זיינע דברי תורה וואס זענען איבער געבליבן איז געדריקט געווארן דורך זיינע אייניקלעך שפעטער אינעם ספר שארית ברוך.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הרה"ק רבי יעקב ישראל ישורון מסאסרעגען זי"ע, הי"ד, בזיווג ראשון חתן הגה"צ רבי משה מאסקאוויטש מאלדווא זי"ע, בזיווג שני חתן הגה"צ רבי חיים דאכנער מסערעט זי"ע,
הרה"ק רבי מאיר יוסף רובין מקרעסטיר זי"ע, הי"ד, חתן הרה"ק רבי אברהם שטיינער מקרעסטיר זי"ע, בן הרה"ק מופת הדור רבי ישעי'לע מקרעסטיר זי"ע,
חתנו, הרה"ק רבי צבי הירש כהנא מספינקא זי"ע,
חתנו, הרה"ק רבי משה פרישערמאן מטאמאשאוו זי"ע,
חתנו, הרה"ק רבי חיים הלברשטאם זי"ע, הי"ד, בן הרה"ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זי"ע, הי"ד,
חתנו, הרה"ק רבי משה עזרא טויב זי"ע, הי"ד, בן הרה"ק רבי פנחס חיים מראזדאל זי"ע,

ליידער האבן די רשעים די דייטשן ימ"ש אומגעברענגט א גרויס חלק פון זיין משפחה ביים צווייטע וועלט מלחמה, אין ספר שארית ברוך ווערט געברענגט א מעשה, אז ווען די משפחה איז געווען אויפן באן קיין אוישוויץ רח"ל, איז דארט געווען הילד הקטנה ברכה ע"ה, הי"ד, איינע פון די אייניקלעך פונעם צדיק וקדוש רבי ברוך זי"ע, וואס איז נאך געווען א קליין קינד פון 5 יאר אלט.

אינמיטן וועג אויף די בהמות וואגאנען האט דאס קינד געבעטן פון די מאמע א שטיקל ברויט צו שטילן דאס הונגער, אבער די מאמע האט נישט געהאט גארנישט, איז דארט אויפן באן געווען א פרוי וואס האט נישט געקענט צו זעהן ווי דאס קליין קינד הונגערט, האט זי מיט איר גרויס רחמנות אהין געגעבן א שטיקל ברויט, אבער לפלא האט דאס קינד בשום אופן נישט געוואלט נעמען דאס ברויט.

ווען די מאמע האט געפרעגט דעם קינד, פארוואס זי וויל נישט נעמען די ברויט, האט די קינד געענטפערט מיט א פשטות, אויף דעם ברויט איז שוין געלעגן א שטיקל בשר טריפה, און דער טאטע האט אונז געלערנט, אז א עסן וואס אויף דעם איז געלעגן א טריפה'נע זאך טאר מען נישט עסן, דאס איז געווען דער חינוך ביים צדיק און אויך ביי זיינע הייליגע קינדער.

ארץ אל יכסה דמם ואל יהיה מקום לזעקתם עדי עד ישקיף ד' ויראה בצרת עמו ויגאלנו ברחמיו שנית לעיני כל חי בביאת גואל צדק בב"א.

נסתלק לגנזי מרומים ל' כסלו א' דר"ח טבת ו' דחנוכה בשנת תרצ"ז, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט סאמאש איואר.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.